# וועקער

ניסן-אייר תשע"ח
Number 12
Der Veker
April/May 2018
$8.99

דערציילונג לכבוד יר"ט:
**לקדש שם שמים**

ניייער קאלום:
אין ספרים געשעפט

דכרניא:
דער משכיל וואס האט
פארטיידיגט אידיש

זמן חירותינו:
ווען מ'איז אליין בוחר

אתם ראיתם:
אין חג האמונה קענען
מיר זען גילויים




וויאזוי אידיש איז
געווארן פארהייליגט ביי
דער אונגארישער אידנטום



## דער רענעסאנס חסיד

אויסשליסליכער
אינטערוויו מיט
**הרב מאיר שיללער**

די דראמאטישע רייזע פון א פרייען
שטוב אין קווינס, צו חסידות אין
סקווירא, ביז א חאניאקיש לעבן אין
דער מאדערנער וועלט



## דער סאטמארער גענעראל

פון זיין טישל אין "דער בלאט",
האט ר' שמואל ווידער ע"ה
געבויט א חסידות
18 יאר א רעדאקטאר,
און א לעבן פון חסד



"דער מלאך אלוקים
וואס מיר האבן פארלוירן"
א חסיד'ס געפילן און זכרונות



"מיין רבי ר' שמואל"
הרב יוסף מילר שרייבט זיינע זכרונות
פון הג"ר שמואל אויערבאך ז"ל

# אינהאלט


**2/ ווארט פון דער רעדאקציע**

**6/ בריוו**

**12/ אתם ראיתם!**
אין דעם יו"ט פון אמונה, לערנען מיר וויאזוי צו זען געטליכע גילויים / אבא ווינער

**18/ זמן חירותינו**
פרייהייט מיינט די מעגליכקייט צו קענען בוחר זיין / יוסף אלבוים

**24/ בליצן**
געשעענישן און אנטוויקלונגען / "וועקער" שטאב



**26/ דער רענעסאנס חסיד**
מעגא-אינטערוויו מיט הרב החסיד ר' מאיר שיללער / י. פאלקמאן

**80/ מאזאאיק**
חידושים אין טעקסט און אין בילדער פון אלץ און אלעמען / ראובן

**82/ מרכבת המשנה**
א תלמיד'ס פערזענליכע זכרונות פון הג"ר שמואל אויערבאך ז"ל / הרב יוסף מילר

**87/ דער רבי וואס איך האב פארלוירן**
א חסיד'ס געפילן און זכרונות פון האדמו"ר מוויזשניץ ז"ל / שבתי בראדער

**91/ אני לדודי ודודי לי**
געדאנקען אויף קרבת אלוקים / הילל בן שחר

**94/ שלא שינו את לשונם**
די פארהייליגונג פון אידיש ביי דער אונגארישער אידנטום / יעקב משה ריכטער

**110/ אין ספרים געשעפט**
נייער קאלום פאר נייע ספרים און ביכער / ברוך לערנער

**114/ דכרניא**
דער משכיל וואס האט זיך אנגענומען פאר אידיש / שמעון שטיינמעץ

**120/ ירידת הדורות (ב)**
דער מושג, די מקורות, און דער באדייט / יצחק לאווי

**131/ אהרן קדוש ה' (ב)**
אנעקדאטן איבער הגרא"ל שטיינמאן ז"ל / הרב יהודה מאשקאוויטש

**134/ עצה-פלייצע**
ענטפערס אויף לייענער'ס ספיקות און אינערליכע צעמישעניש / קטלא קניא

**135/ הכצעקתה**
שלום פונעם הין-און-צוריק איבער די טענות אויף הגראי"ה קוק ז"ל / אביגדור אונגאר





**140/ דער סאטמארער גענעראל**
דאס לעבן און שאפן פון ר' שמואל ווידער ע"ה, רעדאקטאר פון "דער בלאט" / א סאמועל

**173/ רעכטן אדער פליכטן** / טוביה גוטפארב

**178/ דער ראדימנער פראצעס**
ווייטערדיגער קאפיטל פון דער דראמאטישער געשיכטע / ד. געוואגטקינד

**186/ לקדש שם שמים**
דערציילונג לכבוד יום טוב/ גמליאל שמילאוויטש


## פאעזיע


**90/ יש לו מנה** /אליהו אדמדם

**79/ כל העולם כולו** / קטלא קניא

**139/ ס'קומט א פסח** / בתי' קאלמאן



**באקומט דעם "וועקער" צו אייער טיר!**

דער דאזיגער נומער, און די פריערדיגע נומערן,

**זענען דא צו באקומען אויף עמעזאן**

מיט אומזיסטע דעליווערי פאר "פריים" מעמבערס.

**מאכט א סוירטש פאר** Veker

אויסשליסליכער
אינטערוויו מיט
הרב מאיר שיללער

# דער רענעסאנס חסיד

**די דראמאטישע רייזע פון א פרייען שטוב אין קווינס, צו חסידות אין סקווירא, ביז א חאניאקיש לעבן אין דער מאדערנער וועלט**

אפלערנען פילאזאפיע מיט א חסידישן קנייטש • טרעפן דעם אויבערשטן אין ספארטס • זען שיינקייט אין דער גאנצער בריאה און אין אלע ברואים • זוכן עקשנות'דיג דעם תכלית צום לעבן

י. פאלקמאן



גדול הדור

# - אריינפיר -

ס'איז מיר א כבוד פארצושטעלן פאר'ן לייענער אן אינטערוויו מיט הרב מאיר שיללער, א קאלירפולע פיגור וואס שיינט ארויס מיט זיין אייגנארטיגקייט. ער וואוינט אין א הייזקע אין א מאנסי'ער געסל, וואו קיין שום זאך דערציילט נישט פונדרויסן וואס ס'טוט זיך אינעווייניג. אריינקומענדיג בין איך אנטפאנגען געווארן דורך א חסידישן איד פונעם אלטן שטייגער, אויפ'ן טיש זענען געלעגן צעווארפן גמרות, בחינות פון זיינע תלמידים אין YU וועלכע ער האלט אינמיטן צייכענען, און א פאר צענדליגער ביכער און ספרים איבער יעדער נושא וואס געפינט זיך אונטערן הימל. אין דער זייט זענען געלעגן עטליכע גליונות פונעם סקווערער "אורות" זשורנאל.

פון איין באגעגעניש איז געווארן נאך איינס, און נאך איינס, ביז איך האב דערזען אז איך האב זיך דערקליבן צו אן אוצר וואס איז בלי ספק א זעלטנהייט אין דער וועלט. לכתחילה האב איך געקלערט אים אויסצופרעגן איבער אלגעמיינע טעמעס וואס זענען נוגע פאר אונז, כדי צו הערן זיין פערספעקטיוו. נאר דא האב איך זיך דערזען אז ס'וואלט געווען אן עבירה נישט צו לאזן דעם לייענער באקענען פריער דעם מענטש אליין. איך האב פארשטאנען אז דאס וועט נעמען א סך צייט, אבער דער רייכער אינהאלט האט מיך געשטופט צו גיין ווייטער מיט דעם.

דער אינטערוויו האט געפאדערט טעג און וואכן פון ארבעט, און עטליכע באגעגענישן מיט הרב שיללער. אין געוויסע מאמענטן האט זיך מיר געדאכט אז ס'וועט זיין צו שווער צו פארענדיגן דעם פראיעקט, ווייל קיין סך צייט איז נישטא אינעם טאג און עיכובים זענען פאראן גענוג, אבער ווי נאר איך האב זיך צוגעזעצט צום שרייבטיש, צוצוהערן צום אינטערוויו און אפשרייבן די שמועסן וועלכע איך האב רעקארדירט, האב איך פארגעסן אלע ארומיגע טרדות און ס'האט ווי אריינגעבלאזן אין מיר א נייער גייסט.

א מינוט האב איך געפילט ווי איך ווער אריינגעצויגן אין א חסידישן טראנס, בשעת אין אנדערע מאמענטן האב איך דערשפירט דעם קיצל פון דער אייראפעישער רענעסאנס נשמה. די ווערטער פון בעטהאווענ'ס ניינטער סימפאניע איבער דער ברודערשאפט פון דער מענטשהייט האבן זיך ווי איינגעהילט אין א מאנטל פון א חסידישן בים-באם. זיצנדיג קעגנאיבער הרב שיללער קען מען באשיינפערליך בייוואוינען דעם נס פון סינטעזע, דעם וואונדער פון פולקאמער סימביאזע צווישן שם און יפת.

***

ר' מאיר איז געבוירן געווארן אין א סעקולערן שטוב, און ער איז צוגעצויגן געווארן צום פרומען לעבנסשטייגער ביי די עלף-צוועלף יאר. ער האט געלערנט אלס בחור אין דער סקווערער ישיבה, און נאך זייענדיג אין כולל האט ער אפגעשריבן צוויי וויכטיגע ביכער אויף ענגליש, איינס איבער אידישקייט און דאס אנדערע איבער פאליטישער פילאזאפיע, און ער האט זיך באקענט מיט גרויסע בעלי מחשבה וועלכע האבן איבערגעלאזט אן איינדרוק אויף זיין לעבן. ביים אוועקציען זיך פון סקווירא, איז דער בראשית פון סקווירא קיינמאל נישט ארויס פון זיין נשמה, כאטש ס'זענען צוגעקומען אלץ נייע דימענסיעס צו זיין פילפארביגן כאראקטער.

ווען איר גייט אריין אינעם ראחמיסטריווקער שטיבל אין מאנסי און איר דערזעט ווי הרב שיללער זיצט פארדבקות'ט ביי שלש סעודות ווען דער רב זאגט פאר די בני היכלא, אדער ווען דער עולם זינגט צוזאמען די זמירות, וואלט איר זיך נישט פארגעשטעלט אז דער מענטש איז נהירין ליה שבילי היצירה האנושית כשבילי החסידות. ער גיט שיעורים יעדן טאג פאר תלמידים אינעם היי-סקול פון ישיבה אוניווערסיטעט, און ער האט אנגעפירט עטליכע יאר דעם דארטיגן האקי טיעם. ער פארמאגט ידידים אין כמעט יעדער מענטשליכער גרופע, און ער אינטערעסירט זיך אין מערערע פאליטישע און נאציאנאלע באוועגונגען איבער דער וועלט, ווי א טייל פון זיין ברודערליכן געפיל צו דער גאנצער מענטשהייט. אינעם פילם A Life Apart (ארויס אין 1997), וועלכער שילדערט דאס אידישע לעבן אין ברוקלין, שפילט הרב שיללער א צענטראלע ראלע אין מסביר זיין דאס אידישע לעבן פאר דער דרויסנדיגער וועלט.




**איינער פון די ביכער וואס הרב שיללער האט אפגעשריבן זייענדיג א כולל יונגערמאן**

יעדע ערפארונג איז ביי הרב שיללער א תורה שלימה פון וועלכער מ'קען אויסזויגן אן עמער פון גייסטליכער אינספירירונג. ווען מ'פרעגט אים פון וואו ער געדענקט יעדע געשעעניש פון זיין לעבן מיט אזויפיל פרטים, איז זיין ענטפער פשוט: "וואס הייסט? איך בין דארט געווען!..." ווען איך זאל אים פרעגן וועלכער טייל פון זיין לעבן ס'זעט אים אויס דאס וויכטיגסטע, וואלט ער לכאורה נישט פארשטאנען וואס איך פרעג. די ספארטס שפילן מיט זיינע תלמידים אין היי-סקול זענען ביי אים נישט וויניגער פול מיט משמעות ווי זיינע באגעגענישן מיט פאליטישע פיגורן אין אייראפע, וואו זיינע מיינונגען האבן גורם געווען אז א געוויסע באוועגונג זאל זיך צעטיילן אין צוויי! זיין פאליטישע היסטאריע איז א וויכטיגער, אויב נישט דער וויכטיגסטער, טייל פון זיין לעבן, אבער צוליב א מאנגל אין צייט איז עס אין דעם אינטערוויו קוים באריערט געווארן. האפנטליך וועל איך עס קענען משלים זיין ביי א צווייטער געלעגנהייט.

הרב שיללער'ס נאמען איז באקאנט אין סאטמארער קנאישע קרייזן וועלכע קומען צו אים נאך הילף ווען זיי דארפן אויסשטעלן א דיפלאמאטישן נוסח אויף ענגליש, און ער



**א סקרינשאט פונעם פילם A Life Apart, וואו הרב שיללער רעדט וועגן דעם חסידישן לעבן אין ניו יארק**

איז נישט וויניגער באקאנט אין פארשידענע ציוניסטישע סביבות, פון רעכטע און לינקע קרייזן צוגלייך. ער איז באפריינדעט מיט פרומע שלום אקטיוויסטן אין ארץ ישראל, און ער האלט זיך נאנט מיט זיינע פריינט און תלמידים אין די חרד"ל ישיבות אין די שטחים. ער איז א חסידישער איד פונעם פארצייטישן שטייגער, מיט אלעמען וואס דאס ווארט באדייט, אבער אין דער זעלבער צייט איז ער א גאון אין אייראפעישער ליטעראטור, געשיכטע, און קולטור.

הרב שיללער איז נישט פונעם היינטיגן ליבעראלן שניט וואס איז זיך מתנגד צו זען די דיפערענצן צווישן פעלקער און קולטורן; זיין הומאניזם איז נישט פון אן אויבערפלעכליכן כאראקטער וואס פארפליט ערגעץ אין לא-לא-לאנד, נאר פון א גאנץ אנדערן סארט. ער זוכט דוקא דעם דיפערענץ, ער זוכט וואו מ'קען פארשטיין די ניואנסן פון פארשידנקייט און מאכן שלום אפילו מיט די סתירות. ווען איך האב באקענט הרב שיללער צום ערשטן מאל האב איך פרובירט צו קאטעגאריזירן זיינע מיינונגען, כדי צו פארשטיין וואו ער געהערט, אבער ס'האט מיר געקאסט א סך צעמישעניש ביז איך בין ענדליך דערגאנגען אז זיין פילאזאפיע לאזט זיך נישט קאטעגאריזירן, אדער אפשר וואלט עס געפאדערט א גאנץ נייע קאטעגאריע.

***

א הויפט טעמע אינעם לעבן פון הרב שיללער איז די פראגע וויאזוי א מענטש דארף לעבן כדי צו דערפילן זיין פליכט פארן באשעפער פון דער וועלט, און זייענדיג א איד באקומט די פראגע א דאפלטע דימענסיע, וויאזוי דער איד דארף צו לעבן אויף דער וועלט, זייענדיג א קליין פאלק

צווישן הונדערטער אנדערע פעלקער, און וואס איז זיין ספעציעלער שליחות אין דער מענטשליכער ארענע אלס דער עם הנבחר. די פראגע האט אים שוין גענאגט ביי די עלף יאר, ווי ס'לאזט זיך זען אינעם אינטערוויו, אבער ס'האט אים נאך קענטיג ביז היינט נישט אפגעלאזט.

דער אינטערוויו איז צעטיילט אין נײַן קאפיטלען. אכט פון זיי באציען זיך צו הרב שיללער'ס פערזענליכן לעבן און אייגנארטיגע ערפארונגען, פון ווען ער איז אויפגעוואקסן אלס קינד אין א סעקולערן שטוב, ביז זיין ווערן פרום, די גאלדענע תקופה אין סקווירא, און די יארן וועלכע האבן נאכגעפאלגט אינעם עולם החינוך והספארטס מיט זיינע תלמידים. אינעם נײַנטן קאפיטל קומען מיר צוריק צו דער דערמאנטער פראגע וועלכע לויפט דורך אין צענטער פון דער ביאגראפיע – "וויאזוי דארף אויסזען דאס לעבן פון א איד?" דא גיט אונז הרב שיללער א דורכלויפיגן אריינבליק אינעם אופן וויאזוי ער זעט די פראגע היינט צוטאגס, באטראכטנדיג וויאזוי מיר אין דער היימישער וועלט שטייען אין דעם הינזיכט.

דער נײַנטער קאפיטל וואלט אין אמת'ן געפאדערט אן אריכות, און אז גאט וועט געבן געזונט און צייט האף איך נאכצוקומען מיט א המשך אין דער נאנטער צוקונפט.

# קאפיטל 1:
# א קינדהייט אין דער גאלדענער מדינה

**א גוטן טאג הרב שיללער.**

**ווי לאנג צוריק, און פון וועלכע מקומות, איז אייער משפחה אנגעקומען קיין אמעריקע?**

פון מיין מאמענ'ס זייט איז מיין עלטער-זיידע געווען א איד פון קאוונע, א ליטוואק, און ער איז געקומען קיין אמעריקע נאך איידער דער ערשטער וועלט מלחמה. פון מיין טאטנ'ס זייט איז מיין זיידע געקומען, אויך פאר דער ערשטער וועלט מלחמה, פון דער שטאט קאמעניץ-פאדאלסק, אין אוקראינע.

**איז דער זיידע פון אוקראינע געווען פון א חסידישער משפחה?**

דאס ווייס איך נישט.

**זענען די זיידע און עלטער-זיידע געווען פרום ווען זיי זענען געקומען קיין אמעריקע?**

דער זיידע פון מיין טאטנ'ס זייט נישט. דער עלטער זיידע דורך מיין מאמענ'ס זייט, לויט ווי איך האב געהערט, איז נאך יא געווען פרום אויף עפעס אן אופן.

**וואס איז געווען דער חינוך אין אידישקייט וואס איר האט באקומען אין יענע יארן?**

זייער סטאנדארט פאר אידן אין ניו יארק אין די 1950 יארן. מיר זענען געווען שטארק עטנישע אידן, שטאלץ מיטן אידישן אפשטאם. דאס לעבן איז געווען באפעפערט מיט אנטי-גוי'שע וויצן, און זייער א שטארקע עטנישע שטאלץ. מיר האבן געפראוועט ראש השנה, יום כיפור, פסח סדר, חנוכה, און דאס אלעס. אידישע קינדער זענען געווענליך אלע געגאנגען אין היברו סקול, נאכדעם וואס זיי האבן געענדיגט זייער טאג אין פובליק סקול, אויף אן אנדערטהאלבן שעה אדער צוויי שעה נאכמיטאג. פארשטייט זיך, מיר רעדן נישט וועגן ארטאדאקסישער אידישקייט.

מיין מאמע האט געוואלט אז איך זאל גיין אין היברו סקול אויסער די לימודים אין פובליק-שולע, כדי צו לערנען אידישע לימודים. די קאנסערוואטיווע טעמפלס האבן געווענליך געהאט היברו סקול יעדן טאג, און אויך זונטאג אינדערפרי, נאר פאר די קינדער פונעם ערשטן קלאס האבן זיי זיך באגנוגנט מיט איין מאל א וואך. מיין מאמע האט מיך אהינגעשיקט אינעם ערשטן קלאס, אבער ווען ס'איז געקומען דאס צווייטע יאר און



חתונה בילד פון הרב שיללער'ס טאטע מאמע אין יאר 1942, הארט פאר דער טאטע איז אפגעפארן מיט די אמעריקאנער לופט-קרעפטן צו באמבארדירן דייטשלאנד

איך האב געדארפט אנהייבן גיין יעדן טאג, האב איך איר געזאגט אז דאס איז צופיל פאר מיר.

זי האט מיר דעמאלט געטראפן א רעפארם קהילה וואו די היברו סקול איז אנגעגאנגען נאר איין מאל א וואך. ובכן בין איך דעמאלט אריבער, זייענדיג אין צווייטער קלאס, פון Rego Park Jewish Community Center, צו Congregation Habonim Hebrew School.

דאס איז אלעס געווען אין קווינס.

## האבן אייערע עלטערן צוגעגעבן צו אייער לעבן און שאפן?

מיינע עלטערן האבן זיך צעטיילט ווען איך בין געווען צוויי יאר אלט. מיין טאטע איז נישט געווען אפיליאירט מיט קיין שום אידישער דענאמינאציע. איך בין אויפגעוואקסן מיט מיין מאמען און מיין שטיף-טאטן. מיין מאמע האט חתונה געהאט נאכן גט זייער שנעל, אזוי אז איך געדענק נישט מיין מאמען פון פאר דער צייט וואס זי האט חתונה געהאט מיט מיין שטיף טאטן. איך פלעג זיין ביי מיין טאטן יעדן שבת, און איין חודש אינעם זומער.



אין די קינדערשע יארן אין ברוקלין, אלס פייערלעשער



אלס cowboy



אלס שניי-שאָרער

מיין שטיף טאטע איז געווען אבסאלוט ווי אן אמת'ער טאטע. ער האט עס אנגענומען אינגאנצן ווי ער וואלט געווען מיין טאטע, מיט דער גאנצער איבערגעגעבנקייט. ווען איך בין געווען ניין יאר אלט האב איך צובאקומען א ברודער, דאס הייסט א האלבער ברודער, נאכדעם וואס איך בין געווען אן איינציגער זון במשך זיבן יאר. אבער אויך נאכדעם וואס מיין שטיף-טאטע האט געהאט זיין אייגענעם זון אין שטוב, זענען מיר ביידע געווען זיינע קינדער. אינגאנצן דאס זעלבע, אן קיין שום חילוק.

ווי געזאגט פריער, פלעג איך מיך זען מיט מיין ביאלאגישן טאטן יעדן שבת, און במשך א חודש אינעם זומער. מיין טאטע האט ליב געהאט דאס לעבן. יעדער שבת איז געווען אן אוואנטורע פאר זיך. ער פלעגט מיך אפנעמען פונדערהיים אין קווינס און מיך נעמען קיין מאנהעטן, וואו ער האט געוואוינט, און מיר פלעגן גיין שפילן arcade games במשך א שעה. נאכדעם פלעגן מיר גיין צו א שיינעם רעסטאָראַן, וואו מיר האבן בשעתן עסן געליינט דעם Cue Magazine וואס האט באשריבן אלע נייע פילמען וואס זענען ארויסגעקומען (דער מאגאזין איז אנגעגאנגען פון 1932-1977), און מיר פלעגן דורכשמועסן וועלכן פילם מיר וועלן גיין זען. דערנאך זענען מיר געגאנגען זען דעם פילם וועלכן מיר האבן אויסגעקליבן. פון דארט פלעגן מיר ארייגגיין ערגעץ איינקויפן א בוך אדער א שפילצייג.

אזוי פלעגן מיר פארברענגען ביז ביינאכט. אויב איז געווען עפעס א קאלעדזש פוטבאל געים, זענען מיר געגאנגען זען דעם פארמעסט. אמאל זענען מיר געגאנגען באזוכן מוזעאומס, היסטארישע פלעצער, אדער זענען מיר געגאנגען ocean fishing, אדער ice skating. סיי וואס ס'איז געווען אן אוואנטורע, עפעס א פארברענגען וואס מ'האט געקענט דערפון הנאה האבן, האט ער געזוכט צו פארברענגען אינאיינעם. ס'איז געווען אבסאלוט א טאג פול מיט לעבנס-געשמאק.

נאכדעם וואס איך בין געווארן פרום, זענען די שבתים געווארן א פראבלעם, פלעגן מיר דעמאלט זיך טרעפן נאר איין מאל אין א פאר חדשים. דאס איז געווען ווען איך בין שוין געווען עלטער. מיר פלעגן



**בײַ די עלף יאר אלט** ice skating

זיך דעמאלט טרעפן נאר אויף א נאכטמאל, אויף א געים, אדער אן אנדער געלעגנהייט. די רגילות פון אונזערע פארברענגען האט זיך אפגעשטעלט צוליב שבת.

ס'איז נישט געווען קיין שום טייל אין מיין טאטן וואס איז געווען הארט אדער געפאדערט עפעס פון אנדערע. ער איז געווען זייער אן אנגענעמער כאראקטער. דערפאר, סיי ווען מיר האבן זיך געטראפן האבן מיר ממשיך געווען דארט וואו מיר האבן געהאלטן פריער, געגאנגען צו א באל-געים, ארויס אויף א נאכטמאל, א.א.וו. ער איז געווען א גרויסער דעבאטירער. ער האט ליב געהאט צוויי זאכן דאס מערסטע, צו שפילן שאך און פירן דעבאטעס. איך האב נישט איבערגענומען פון אים די ליבשאפט צו שאך-שפילן, אבער איך האב איבערגענומען דעם געשמאק אין פירן דעבאטעס. דער געשמאק האט מיך נישט באגלייט אין די שפעטערע יארן, אבער אין יענער יונגער עלטער איז עס מיר געווען א תענוג.

ווען איך בין געווארן פארמישט אין פאליטישע, סאציאלע, און רעליגיעזע פראגעס, פלעגן מיר ארייגקריכן אין ענדלאזע דעבאטעס, אן קיין סוף.

### דיין טאטע האט נישט ליב געהאט דעם טריט וואס דו האסט גענומען צו ווערן פרום?

איך ווייס נישט צי ער האט ליב געהאט

דעם טריט אדער נישט, ס'איז אים מסתמא נישט אנגעגאנגען, אבער דעם ויכוח אויפ'ן טריט האט ער זיכער ליב געהאט. ווען איך פלעג צוריקקומען א וואך שפעטער מיט נייע באווייזן און נייע ארגומענטן, איבער אידישקייט אדער פאליטישע פראגעס, פלעגט ער עס אזוי ליב האבן.

איך געדענק אמאל, ווען איך בין געווען עלף יאר אלט, און איך האב מיר איינגערעדט אז איך בין א גרויסער קאנסערוואטיוו, האב איך געפירט מיט אים א ויכוח איבער רעגירונגס הילף אין אגריקולטור פאר די פארמערס, און איך האב אינמיטן געזאגט עפעס מיט די ווערטער: "דאס איז קלאר קעגן דער קאנסטיטוציע." ביי די ווערטער האט מיין טאטע אפגעשטעלט דעם אויטא אין דער זייט פונעם שטראָז און געזאגט: "וואס קאנסטיטוציע? דאס איז פאר אלעמען א מאראלישע פראגע! פארמערס הונגערן, דאס איז די פראגע וואס ליגט אויפ'ן טיש! די קאנסטיטוציע קומט ערשט נאכדעם."

איך מוז זאגן, דאס איז געווען זייער א שטארקע טרעניִרונג אין טראכטן קלאר. ווען איך בין צוריקגעקומען א וואך שפעטער האב איך געמוזט האבן גרייט אן ענטפער אויף דעם. איך האב געמוזט קלערן וויאזוי זיך צו באפאסן מיט אזא טענה. ער איז קיינמאל נישט געווען אין כעס. קיינמאל. ס'איז נאר געווען א געשמאק וואס מיר האבן ביידע געהאט, צו פירן ויכוחים. ס'איז געווען פונקט אזא געשמאק ווי ארויסגיין אויף א פוטבאל גיעם.


אין איינעם פון די שבתיםביים טאטן. ארויסגייענדיג מיט נאך דריי חברים צו זען א פארמעסט פון professional wrestling. קווינס, 1961.

## וויאזוי האט זיך די מאמע באצויגן צו אייער אינטעלעקטועלן נייגער?

מיין מאמע איז געווען זייער איבערגעגעבן און זי האט מיך געמוטיגט אין אלע מיינע אינטערעסן, ביי יעדער זאך וואס איך האב געהאט אין דעם א געשמאק. די ביבליאטעק איז געווען מיין בעסטע פלאץ צו גיין, און דאס איז מסתמא אויך איר צו פארדאנקען. נאך אײדער איך האב געקענט ליינען, האט זי מיך גענומען אין ביבליאטעק ארויסצונעמען ביכלעך און זי פלעגט זיי מיר פארליינען.

## דאס הייסט אז די עלטערן האבן געהאט א חלק אין אייער אינטעלעקטועלער רייזע.

אין סיי וועלכער רייזע. אויב איך בין געווען אינטערעסירט אין הינט, זענען מיר ארויס און איינגעשאפט אלע ביכער וואס זענען בנמצא וועגן הינט. אויב איז עס געווען טשערעפאכעס, האבן מיר איינגעהאנדלט אלעס איבער טשערעפאכעס. זיי זענען געווען איבערגעגעבן בלב ונפש, גרייט מיר צו העלפן אין סיי וועלכן אינטערעס זיי האבן ביי מיר געזען. זיי זענען געווען אמת'דיג גוטע עלטערן.

מיין מאמע איז געווען די ווארעמע, בשעת מיין [ביאלאגישער] טאטע איז געווען פון אן אנדער כאראקטער, נישט מיט דעם שטייגער ווארעמקייט אבער פול מיט געשמאק פאר'ן לעבן, ווי דערמאנט. איך וואלט געקענט דערציילן הונדערטער מעשיות וויאזוי זיי האבן מיך געשטיצט אין יעדן סארט אינטערעס וואס איך האב געהאט. סיי וואס דאס איז געווען.

•

אגב, מיין ביאלאגישער טאטע האט ליב געהאט צו גיין זען קאלעדזש פוטבאל, בשעת מיין שטיף טאטע איז געווען אן אנהענגער פון פראפעסיאנעלע פוטבאל. די קאלעדזש פוטבאל שפילן קומען פאר אום שבת, און די פראפעסיאנעלע שפילן קומען פאר אין די זונטאגס. צווישן זייביידן פלעגט מיר אויסקומען צו גיין אויף א

קאלעדזש פוטבאל שפיל שבת, אין דער צייט וואס איך בין געווען מיט מיין טאטן, און צו א פראפעסיאנעלע פוטבאל שפיל זונטאג מיט מיין שטיף-טאטן. נאכן פוטבאל שפיל זונטאג פלעגן מיר צוזאמען אויך גיין צו א האקי גיים יענעם אויפדערנאכט. די גאנצע ערפארונג פון אנהויב ביזן סוף איז געווען אויסערגעווענליך. איך האב ליב געהאט יעדע מינוט פון דעם.

**וואס איז דער אונטערשייד צווישן קאלעדזש פוטבאל און פראפעסיאנעלע פוטבאל?**

דאס זענען אנדערע טיעמס און אנדערע שפילער. קאלעדזש פוטבאל ווערט געשפילט דורך סטודענטן וועלכע שטודירן אינעם קאלעדזש. זיי באקומען נישט באצאלט פאר'ן שפילן, נאר זיי שפילן פאר'ן טיעם פון זייער שולע. שפעטער ווען זיי גראדואירן איז דא א מיעוט שבמיעוט וואס געווינט א קאריערע אין די פראפעסיאנעלע שפילן, אויב זיי זענען מצליח. די קאלעדזש סטודענטן זענען נאך יונג, צווישן 18-22 יאר אלט, און זיי קענען נאכנישט שפילן קעגן 25 יעריגע. זיי האלטן זיך נאך אינמיטן לערנען.

**פארוואס זאל איינער ליב האבן צו זען א שפיל פון מענטשן וואס האלטן זיך אינמיטן לערנען, בשעת מ'קען זען א שפיל פון פראפעסיאנאלן?**

ס'איז דא א געוויסע זיסקייט אין קאלעדזש פוטבאל. ס'איז דא אין דעם מער תמימות. די שפילערייען ווערן באגלייט מיט א מוזיקאלישן מארש און נאך פילע לידער, דו זעסט די יונגע פנימ'לעך פון די שפילער, און ס'איז למעשה א פרייליכע, תמימות'דיגע ערפארונג. פארגעס נישט אז די סטודענטן זענען אויך געוואלדיג אין זייער שפילן, כאטש זיי זענען נאכנישט אנגעקומען צו דעם שפעטערן שטאפל פון פראפעסיאנאליזם.

איך האב זיסע זכרונות פון יענע יארן. מיין טאטע האט געדינט אין מיליטער בשעת דער צווייטער וועלט מלחמה, אין דער אפטיילונג פונעם לאנד-מיליטער (וואס קעמפט אויף דער יבשה). די סטודענטן וועלכע גרייטן זיך צו ווערן אפיצירן אין דער אפטיילונג פון די לאנד-קרעפטן גייען אינעם West Point Academy אין ניו יארק, און זיי האבן אודאי אויך א פוטבאל טיעם אזוי ווי יעדער קאלעדזש פארמאגט. היות מיין טאטע האט געדינט אין די לאנד-קרעפטן פונעם מיליטער, כאטש ער איז נישט געווען קיין אפיציר און ער האט נישט שטודירט אין West Point, האבן מיר געפילט אז דער טיעם פון West Point איז אונזער צד. אין יענע יארן איז עס געווען זייער א גוטער טיעם.

איינמאל אינעם סעזאן קומט פאר א פארמעסט צווישן סטודענטן פון West Point און סטודענטן פון דער Naval Academy (דער קאלעדזש וואו סטודענטן טרענירן זיך צו דינען אלס אפיצירן אין די ים-קרעפטן פונעם מיליטער) וואס געפינט זיך אין מערילענד. במשך דעם גאנצן סעזאן שפילט יעדער פון די צוויי צדדים קעגן אנדערע טיעמס, נישט דוקא פונעם מיליטער, און נאר ביים צענטן שפיל, צום סוף פונעם סעזאן, קומט פאר די פארמעסט צווישן די צוויי אפטיילונגען אינעם מיליטער, די לאנד-קרעפטן קעגן די ים-קרעפטן. דאס איז דעמאלט געווען די גרעסטע פארמעסט פונעם סעזאן, צו וועלכער ס'פלעגן זיך צוזאמקומען הונדערט טויזנט מענטשן מיטצוהאלטן דעם ריזיגן Army-Navy שפיל. (Army באצייכנט די לאנד-קרעפטן, און Navy איז פארשטייט זיך די ים-קרעפטן.)

ובכן, האב איך מיט מיין טאטן כסדר געהאט א גרויסן מחלוקת, צי ווען די Navy שפילט נישט קעגן Army מעג מען האפן און זיך פרייען מיט די נצחונות פון דער Navy אדער נישט. אונזער מחלוקת איז געווען, צי בשעת דער Navy שפילט קעגן אנדערע טיעמס א גאנצן סעזאן, מעג מען עס שטיצן אדער נישט? דארף מען זיין טרויעריג ווען זיי פארלירן אדער פריילך? איך האב אנגענומען אז ס'איז א "מלחמה בעמלק מדור דור", נישט קיין נפקא מינה קעגן וועמען זיי שפילן. היות אז דאס איז אונזער קאנקורענץ איז עס א שמחה סיי ווען זיי פארלירן.

דאס איז אבער אלץ געווען אין א גייסט פון אונטערהאלטונג און געשמאק. ס'איז נישט געווען קיין עכטע שנאה צווישן די צוויי טיעמס, מיר האבן זיך נישט פיינט געהאט, נאר מיר זענען געווען טרויעריג ווען אונזער טיעם האט פארלוירן און זייער פריילך ווען מיר האבן געוואונען.



Army football אין די 1950 יארן. מיליטערישע ארדענונג איז קענטיג פון הינטן ביי די סטודענטן אויף די פארענטשעס.

**ס'הערט זיך ווי גלייך אייער טאטע איז געווען אייער חבר, און ס'איז נישט געווען ביי אייך די פארמעלע ווייטקייט וואס מיר זעען צומאל אין אונזער סביבה צווישן עלטערן און זייערע קינדער.**

וואס הייסט? מיין טאטע האט געקענט די היסטאריע פון קאלעדזש פוטבאל בעסער ווי איך האב עס געקענט, איז ער ממילא געווען מיין רבי אויף ווען איך האב ארויפגעקוקט. ער פלעגט מיר דערציילן וועגן גע'מס פון פריערדיגע יארן, א.ד.ג.

**פארשטייט זיך, א טאטע איז שטענדיג דער גרויסער, וועלכער ווייסט מער פונעם קינד און ער איז אים מחנך. אבער אייער טאטע האט נישט געהאט קיין פראבלעם צו "האבן fun" מיט זיין זון. ס'איז נישט געווען פאר אים א פחיתות הכבוד...**

אודאי נישט. פארקערט, דאס האט אונז נאנט געברענגט.

**איך בין נייגעריג, בדרך אגב, צו וויסן וויאזוי איר באטראכט די באציאונג צווישן עלטערן און קינדער אין אונזער וועלט, אין פארגלייך צו דער ערפארונג וואס איר האט געהאט מיט אייערע עלטערן. עקזיסטירט אזא סארט נאנטקייט צווישן טאטן און זון אויך אין אונזערע סביבות?**

די היימישע עלטערן גיבן זיך אויך אוועק



אינעם זיבעטן געבורטסטאג, אנגעטון אין אן אוניפארם פונעם פילאדעלפיע בעיסבאל טיעם, באקומען אלס געבורטסטאג-מתנה פון דער באבען.



הרב שיללער אלס קינד (אין 1961) מיט זיין בעיסבאל טיעם אין Queens Little League. ווערט געזען שטייענדיג דאס מערסטע צו לינקס.

אינגאנצן פאר די קינדער, נאר קענטיג אין א מער באגרעניצטן שטח. עלטערן וועלן שפילן מיט זייערע קינדער, רעדן מיט די קינדער, פארברענגען שיין ביי די שבת'דיגע סעודות. מ'קען זיכער זען אזא סארט איבערגעגעבנקייט פון עלטערן צו זייערע קינדער, נאר דער תחום פון זייער וועלט איז פשוט שטארק באגרעניצט. ס'איז ממילא אין א קליינעם תחום.

מ'רעדט אויך פון משפחות מיט א סך קינדער. ס'איז דאך נישט מעגליך צו אנטוויקלען די זעלבע סארט באציאונג. מ'קען נישט טון מיט דרייצן קינדער וואס מיינע עלטערן האבן געקענט טון ווען זיי האבן געהאט נאר איין אדער צוויי קינדער.

דאך, נאך אלעמען מיין איך אז ס'זענען דא גענוג עלטערן וואס זענען זייער אריינגעטון אין זייערע קינדער און שטארק פארמישט אין זייער לעבן אויף א פאזיטיוון אופן.

### צוריק צום ביאגראפישן שמועס: זענט איר געבוירן אין קווינס?

ניין. איך בין געבוירן אין ברוקלין, און מיר האבן זיך געצויגן קיין קווינס, צו דער געגנט פון Rego Park, ווען איך בין געווען אינמיטן קינדערגארטן אין עלטער פון פינף יאר. מיר האבן דערנאך געוואוינט אין קווינס ביז איך האב גראדואירט פון עלעמענטערי שולע אין יוני '63.

## קאפיטל 2:
## די אידישקייט פראגע

### מיט וואס האט זיך אויסגעדרוקט אייער חינוך אין אידישקייט?

איך בין געגאנגען אין היברו סקול אין קווינס במשך פינף יאר. ווען איך בין געגאנגען אין היברו סקול בין איך געווען זייער אינטערעסירט אין דעם. איך בין נישט געווען צו פריילין צו גיין אהין פיר אזייגער נאכמיטאג נאכן ענדיגן שולע, אבער איך בין געווען זייער איבערגענומען פון די לימודים גופא. איך האב עס נישט באטראכט ווי אן איבריגע זאך.

איך האב פארשטאנען אז דאס איז א טייל פון מיין אידענטיטעט און איך דארף פארשטיין וואס דאס איז. איך דארף באצייכענען אז מ'האט אונז פארגעשטעלט אידישקייט אין זייער א באַטעמ'טן וועג. איך האב אויך געהערט אז ס'איז דא אזא זאך ווי ארטאדאקסישע אידן, די לערערין פונעם היברו סקול האט אונז דערציילט וועגן דעם, אבער איך האב נישט געוואוסט קלאר וואס דאס איז. איך האב נאך דעמאלט קיינמאל פריער נישט געזען אן ארטאדאקסישן איד.

ווען די לערערין פונעם צווייטן קלאס האט געלערנט מיט אונז וועגן דעם פסוק "וקשרתם לאות על ידיך", האט זי אונז געזאגט, "ילדים, ביזן היינטיגן טאג זענען נאך דא מענטשן וואס בינדן פאקטיש אן די ווערטער פון דער פרשה מיט לעדערנע בענדלעך און זיי דרייען עס ארום דעם ארעם, וויבאלד ס'שטייט אזוי אין פסוק..." זי האט אודאי געמיינט ארויסצוברענגען אז די מצוה איז א מעטאפאר, מ'זאל האלטן די ווערטער פונעם אויבערשטן נאנט צום הארצן, און דאס מיינט נישט בוכשטעבליך אז מ'זאל ארומבינדן די ווערטער אויף דער האנט. איך געדענק ווי איך האב דעמאלט געטראכט, אז איך האב אין מיין לעבן נישט געזען אזא זאך אז עמיצער זאל דרייען עפעס אויף דער האנט.

ווען ס'איז געקומען ראש השנה און יום כיפור האבן די אידישע סטודענטן נישט געדארפט גיין אין פובליק-סקול. איך פלעג זען ווי אידן גייען אין שול, מיין שטיף-טאטע איז אויך געגאנגען אבער איך בין נישט מיטגעגאנגען, איך האב דערווייל געשפילט פוטבאל מיט די חברים, אבער ביים זען ווי אנדערע גייען אין שול האב איך געטראכט איבער וואס דאס האט א שייכות מיט מיר, און צי איך וואלט נישט אויך געדארפט גיין אין שול. דאך, ווען איך האב געהערט דערציילן וועגן עפעס אן ארטאדאקסישן איד אין דער געגנט וועלכער וואוינט אויף דער פינפטער שטאק פון א הויכן בנין און ער ניצט נישט קיין עלעוועיטאר אין שבת,

האב איך געטראכט אז דאס איז אינגאנצן נישט נארמאל.

## ביי וועלכן פונקט אין לעבן האט איר באשלאסן צו זוכן עפעס מער?

ס'איז דא אן אינטערעסאנטע פאזע אין מיין קינדהייט. ווען די לערערין האט אונז אנגעהויבן פארצושטעלן דעם געדאנק פון Shabbat, אדער שבת, האט זי דערציילט אז אין ארץ ישראל זענען דא מענטשן וועלכע קויפן בלומען לכבוד שבת, און זיי מאכן קידוש אויף וויין מיט חלות. איך האב עס איבערדערציילט פאר מיין מאמען, און זי האט באשלאסן אז זי וועט עס אויך טון. ס'איז נישט געווען קיין שמירת שבת, נאר א נאכטמאל מיט א כמו שבת'דיגער צורה.

מיין מאמע האט דעמאלט אנגערופן די היברו לערערין איר צו באדאנקען, און זי האט אנגעהויבן צו וויינען אויפ'ן טעלעפאן. מיין מאמע האט איר געזאגט אז זי געדענקט נאך ווען איר זיידע פלעגט פראווען א שבת סעודה פרייטאג צונאכטס. איך האב איר זיידן נישט געקענט, אבער זי האט מיר דערציילט אז ער האט געהיטן שבת, זיצנדיג אינדערהיים, בשעת זיין ווייב און קינדער האבן שוין אלע אויפגעהערט היטן שבת. ער האט עס אפגעהיט פאר זיך אליין. איך ווייס נישט וויפיל מיין מאמע האט אלץ געדענקט פון דעמאלט, און וויפיל דאס איז טאקע געווען א ריכטיגע שמירת שבת, אבער ס'איז זיכער געווען עפעס.

איך געדענק אז איך בין געווען זייער איבערראשט פון דעם, אז מיין מאמע זאל זיין אזוי עמאציאנעל צוגעבונדן צו דעם. מיר האבן עס דעמאלט אנגעהויבן טון אויף א פאר חדשים, געפראוועט שבת סעודות אויף עפעס אן אופן, אבער נאכדעם האט זיך עס צעוואסערט[1].

1) אויסקלארונג פאר'ן אידישן לייענער: אין אונזער שפראך איז דער נאמען פונעם זיבעטן טאג שבת, און מיר פארמאגן נישט עפעס אנדערש חוץ פון דעם. אבער אין דער נישט-פרומער וועלט איז דא א הבחנה צווישן דעם טאג Saturday, וועלכע ציט זיך פון 12:00 am ביז 12:00 am אזוי ווי יעדער טאג אין דער וואך, און דער אידישער שבת (Sabbath) וועלכער ציט זיך פון פרייטאג צונאכטס ביז מוצאי שבת.

איך האב איבערגעפרעגט הרב שיללער, צי ער האט שבת געפראוועט מיטן טאטן, ווי ער האט פריער דערציילט, אדער מיט דער מאמען? זיין ענטפער איז געווען, אז שבת צופרי האט ער פארברענגט מיט זיין טאטן, בעת די אנעקדאטן וועלכע ווערן יעצט דערמאנט באציען זיך צו פרייטאג צונאכטס.

מיר פלעגן פראווען חנוכה, צינדן ליכט, געבן מתנות, אין פארלויף פון אכט נעכט. איך געדענק אמאל אין א חנוכה ווען מיר האבן געשפילט פוטבאל אינדרויסן בשעת ס'האט געשנייט. שפילן פוטבאל אינמיטן א שניי איז זייער געשמאק. איך געדענק אז איך האב דעמאלט געזאגט פאר מיינע חברים, "איך דארף אהיימגיין, ווייל מיר גייען באלד צינדן חנוכה ליכט." איך וואלט נישט געמוזט אהיימגיין אינמיטן דעם שפיל, אבער ס'ווייזט אויס אז אידישקייט איז געווען עפעס באוואוסטזיניג אין מיין מוח.

פסח ביינאכט פלעגן מיר פראווען איין סדר ביי אונז אין שטוב און דעם צווייטן סדר ביי מיין פעטער. מיין פעטער פלעגט פראווען דעם סדר נאר ביז דער סעודה פון שולחן עורך, און מיין שטיף-טאטע פלעגט פראווען אויך ווייטער נאכ'ן שולחן עורך. אלזא, געדענק איך אז איך האב אמאל באמערקט אז ס'איז געשריבן אין דער הגדה, אויף ענגליש פארשטייט זיך, אז מ'טאר נישט עסן נאכדעם וואס מ'ענדיגט זאגן די הגדה. איך בין דעמאלט געווען 9-10 יאר אלט. נאכ'ן פראווען דעם צווייטן סדר ביי מיין פעטער אין שטוב זענען מיר אהיימגעפארן מיטן אויטא, און איך געדענק אז איך בין געווען הונגעריג, אבער איך האב פארשטאנען אז איך טאר נישט עסן. איך האב געפרעגט מיין מאמען וואס איך זאל טון.

איר אליין איז גאנץ קנאפ אנגעגאנגען די הלכה, אבער זי האט נישט געוואלט אוועקמאכן מיין דאגה און זי האט אנטיילגענומען אין מיין דילעמע. ענדליך איז מיר איינגעפאלן א געדאנק. "אפשר קען איך עסן פעטרישקע?" האב איך איר געפרעגט. וויבאלד פעטרישקע איז פון די מאכלים וואס מ'עסט ביים סדר, האב איך פארשטאנען אז דאס וועט זיין ווי א המשך צום סדר. "דאס איז א גוטער געדאנק!" האט מיין מאמע געזאגט.

די אנעקדאטן צייגן מיר אז איך האב געפילט א משיכה צו אן ערנסטער אידישקייט פון די גאנץ פריע יארן.

**דאס הייסט אז די מאמע איז**

## גרייט געווען צו אקאמאדירן אייערע אידישקייט אינטערעסן?

מיין מאמע פלעגט זייער אקאמאדירן מיינע אינטערעסן, אבער איך וועל דיר דערציילן איבער א פאל ווען זי האט אראפגעשטעלט א פוס.

ס'איז געווען א סעריע פון ביכער וועלכע מ'האט גערופן The Golden Play Book of Stamps. יעדעס ביכל פון דער סעריע האט פארמאגט א באשטימטע טעמע, מיט שיינע מעשה'לעך און בילדער איבער דער טעמע, און מ'האט אריינגעקלעבט אין דעם גרויסע סטיקערס וועלכע האבן זיך געפאסט צו דער טעמע. אין איין בוך פון דער סעריע זענען דא דערציילונגען פון תנ"ך, און איך פלעג ליב האבן ווען מיין מאמע פלעגט מיר דערציילן מעשיות פון תנ"ך. אין דעם זענען אבער געווען דערציילונגען סיי פונעם אלטן טעסטאמענט (די תורה און די כתבי הקודש) און סיי פון, להבדיל, דעם נייעם. מיין מאמע האט עס דערפאר נישט געוואלט קויפן. "דו ווילסט הערן מעשיות פונעם נייעם טעסטאמענט?" האט זי מיך געפרעגט, "ווען עס קענען טון ווען דו וועסט זיין עלטער, אבער ס'איז נישט פאר יעצט."

אין מיין מאמענ'ס הויז איז געווען קלאר אז מיר זענען נישט קיין גוים, נאר אידן. דאס דערמאנטע בוך האב איך ערשט געקויפט לעצטנס, מיט זעכציג יאר שפעטער, ווען איך האב עס געטראפן אויף ebay. דאך כאטש זי האט מיר נישט געוואלט קויפן יענעם בוך, איז אינטערעסאנט צו דערציילן אן אנדער אנעקדאט איבער איר באציאונג צו קריסטן.

דאס איז געווען אמאל ביי די לימודים אין "היברו סקול" ווען דער פרינציפל איז אריינגעקומען פאר קריסטמעס און געזאגט פאר די קינדער: "איר ווייסט, מיר זענען נישט אזוי ווי די גוים! אונז גייט גארנישט אן די 'גארבעדזש' (מיסט) וואס זיי הענגען אויס אין די גאסן!" מיר האט עס זייער וויי געטון, ווייל איך האב ליב געהאט קריסטמעס. איך בין דעמאלט אהיימגעקומען און דערציילט די מעשה פאר מיין מאמען. זי האט דעמאלט אויפגעהויבן א טעלעפאן צו דער קהילה-אפיס און פארלאנגט צו רעדן מיטן ראביי, זי האט בכלל נישט גערופן דעם פרינציפל, נאר געלאפן זיך באקלאגן דירעקט צום ראביי, היתכן אז דער פרינציפל האט געקענט אזוי




**דאס בוך וואס הרב שיללער'ס מאמע האט נישט געוואלט קויפן...**

רעדן אויף די פייערונגען פון קריסטן אין אמעריקע.

דער פרינציפל איז צוריקגעקומען א וואך שפעטער אין קלאס און געזאגט פאר די קינדער אז ער האט עס נישט ממש געמיינט, מ'האט אים נישט פארשטאנען, א.א.וו.

ובכן, פון איין זייט האט מיין מאמע מיר געגעבן אנצוהערן אז קריסטליכע זאכן זענען אינגאנצן נישט פאר אונז. אבער פון דער אנדערער זייט האט עס איר אויפגערעגט ווען איינער האט עס אנגערופן מיט שפאס "גארבעדזש". איך האב געלערנטביידע לעקציעס פון מיין מאמען...

## אין וועלכער עלטער האט איר אנגעהויבן זיך אינטערעסירן אין פאליטישע טעמעס?

איך בין געווארן וואכזאם איבער פאליטישע פראגעס גאנץ פרי. אין דער פרילינג פונעם פינפטן קלאס (1962) האב איך אנגעהויבן ליינען ביכער איבער פאליטישע און סאציאלע פראגעס מיט א שטארקן הונגער. איך האב שטארק ליב געהאט צו ליינען היסטאריע און ליטעראטור, פאליטיק און געזעלשאפטליכע שאלות זענען אויך פארבונדן מיט היסטאריע, און צו

מאטעמאטיק האב איך געהאט גאנץ ווייניג געדולד. פאליטישע פראגעס זענען געווארן מיין הויפט אינטערעס אין יענער צייט.

ביז צום סוף פונעם זומער יענעם יאר, ביים אריבערגיין צו דעם זעקסטן קלאס, האב איך שוין מסתמא געהאט אפגעליינט צוואנציג ביכער איבער דער טעמע.

**אינטערעסאנט. איר זענט דעמאלט געווען נישט מער ווי עלף יאר אלט. וואלט איר געזאגט אז ס'איז מעגליך צו ערוועקן א נייגער צו גרויסע לעבנס-פראגעס ביי אזעלכע יונגע קינדער?**

איך מיין אז יא, נאר די קינדער דארפן פריער זיין אינטערעסירט אין ליינען. ביי א קינד וואס האט ליב צו ליינען קען זיך ערוועקן פארשידענע אינטערעסן.

**ליינען מעשה'לעך איז נישט דאס זעלבע ווי ליינען איבער אידעען און אבסטראקטע געדאנקען.**

אמת, אבער איך וואלט דעמאלט נישט געכאפט די דיפערענץ צווישן די צוויי. איך האב ליב געהאט יעדעס בוך באשר הוא, אויסער מאטעמאטיק.

צוריק צום ענין, ביי דער צייט וואס איך בין ארויף צום זעקסטן קלאס, אין סעפטעמבער 1962, בין איך שוין געווען אן אמעריקאנער פאליטישער קאנסערוואטיוו מיט אלע מפרשים, וויאזוי דאס זאל נאר האבן געמיינט אין יענע יארן. איך האב אפירגעזוכט יעדן מאגאזין און כל-ערליי ביכער, און זיך באקאנט געמאכט מיט זיי. דאס האט אנגעהויבן אביסל צו דערוועקן אין מיר רעליגיעזע פראגעס.

וויאזוי זענען מענטשן מסדר די געזעלשאפט? וואס הייסט א ריכטיגע געזעלשאפט? די פראגעס זענען זייער שווער צו באהאנדלען אן זיך אריינשטויסן אין רעליגיעזע און עטישע פראגעס. ביים פרעגן: וואס איז אמעריקע? וואס איז קריסטנטום? וואס איז רעליגיע? א.א.וו. האט עס מיך געשטופט נאכאמאל און נאכאמאל צו די רעליגיעזע פראגעס.

אין שולע האבן מיר געדארפט פירן דעבאטעס אין קלאס צווישן די סטודענטן. איך געדענק אז מיר האבן געהאט אמאל א דעבאטע אין קלאס איבער דער פראגע פון טויט-שטראף. אזא דעבאטע וואלט זייער שווער געווען צו פירן אן א רעליגיעזן וועלטקוק, וועלכער פאדערט א באשטימטע סאציאלע ארדענונג. סיי אויב דו ביסט מצדד פאר טויט שטראף, און סיי אויב דו ביסט קעגן דעם, שטייסטו פאר א מאראלישע פראגע וועלכע פירט אומדירעקט צו דער רעליגיעזער פראגע.

**די דעבאטעס האבן געפירט סטודענטן פון עלף-צוועלף יאר אלט?**

יא. אין יענע צייטן האבן מענטשן פארמאגט מער אינטערעס אין געדאנקען. פארגעס אויך נישט אז סקולס האבן אין יענע יארן געפאדערט א סך מער ווי היינט.

די פילמען און די טעלעוויזיע פון די פופציגער און זעכציגער יארן האבן מיך אויך שטארק צוגעגרייט צו רעליגיע אויף כל-ערליי אופנים, ווייל זיי האבן מיך באקאנט געמאכט מיט העלדן וועלכע האבן מיך שטארק אינספירירט. באזונדערס געדענק איך א פילם וועלכע איך האב געזען אויף דער טעלעוויזיע וועלכע שילדערט וויאזוי דער אמעריקאנער העלד מיטן נאמען דעווי קראָקעט (Davy Crockett) איז געשטארבן אין אַלאַמאָ (Alamo).




**דער פילם Davy Crockett, געוויזן אויף דער טעלעוויזיע צוערשט אין 1954**

דער פילם איז באזירט אויף אן אמת'ער מעשה, ווען טעקסאס האט געקעמפט צו געווינען זעלבסשטענדיגקייט פון מעקסיקא. ביי א געוויסן פונקט אין דער מלחמה זענען די קעמפער אז זיי וועלן נישט קענען געווינען אויב זיי גייען ווייטער און זיי וועלן אלע מוזן שטארבן. אבער אויב זיי וועלן קעמפן ביזן סוף וועט עס געווינען צייט פאר דער ארמיי פון טעקסאס זיך צו גרופירן פונדאסניי.

דער קאַרנעל וואס איז געווען פאראנטווארטליך איבער זיי, גיט זיי דעם אויסוואל צו אנטלויפן און זיך ראטעווען דאס לעבן. ער איז זיי מודיע אז דער וואס וועט בלייבן אינעם קאמף וועט טאקע אפהאלטן דעם שונא אויף נאך א פאר וואכן פון מאכן פארשריט, אבער צום סוף וועלן זיי אלע שטארבן. ס'קען זיין אז איינער פון די סאלדאטן איז אוועק פונעם פראנט, ווייבער און קינדער זענען אוועק פון דארט צו א זיכערן פלאץ (דורך זיי האט מען זיך דערוואוסט פון דעם וואס דארט איז פארגעקומען), אבער אלע איבריגע זענען געבליבן אויפן פלאץ, גרייט ביז מסירות נפש. דער דערמאנטער פילם איז באזירט אויף דער מעשה, און בכלל אויפן לעבן פון דעווי קראָקעט.

איך געדענק ווען איך האב געזען די דערמאנטע סצענע אינעם פילם. דער קארנעל מאלט אויס א שטריך אין דער זאמד און ער רופט אויס: "איך טרעט יעצט איבער דעם שטריך, און ווער ס'וויל קען מיטקומען מיט מיר צו בלייבן ביזן סוף, אבער קיינער איז נישט מחויב דאס צו טון. ווער ס'וויל קען אהיימגיין." די סצענע האט מיך גערירט ביז טרערן. אבער דער עיקר שוועריגקייט איז געווען פאר מיר צו פארשטיין פארוואס מענטשן זאלן זיך וועלן מוסר נפש זיין אויף דעם. וואס באדייט דאס?

דזשים באָווי (James [Jim] Bowie) איז אויך געווען איינער פון די העלדן פון יענער צייט. אינעם פילם ווערט ער אפגעמאלן ווי ער ליגט אין בעט קראנק מיט א לונגען אנטצינדונג. איידער דער קארנעל האט גערעדט זענען זיך אלע סאלדאטן צוזאמגעקומען, און דעם קראנקען סאלדאט האט מען געדארפט פירן אויפ'ן בעט. נאכדעם וואס ער האט געהערט וועגן וואס ס'איז די רעדע האט ער געזאגט: "קוקט אהער, איך קען נישט אליין איבערטרעטן די ליניע, איך וואלט אייך דערפאר דאנקבאר געווען ווען עמיצער זאל מיך אריבערטראגן אהין." קיין ספק האט ער נישט געקענט קעמפן, אבער ער איז אויך געשטארבן צוזאמען מיט אלע.

דאס אלעס האט ערוועקט פראגעס ביי מיר. דו דארפסט פארשטיין אז די העלדן פון די פילמען און טעלעוויזיע סעריעס זענען געווען א וויכטיגער טייל אין מיין לעבן און איך האב שטארק ארויפגעקוקט אויף די העלדן. יעדער איינער פון זיי האט מיך אויסגעלערנט צו טון וואס ס'איז ריכטיג, צו באשיצן די שוואכע מענטשן, א.א.וו.

# קאפיטל 3: רעליגיעזע נאגענישן / אויפ'ן וועג צו ארטאדאקסיע

## ווען האט איר זיך אוועקגעצויגן פון קווינס צו ראקלענד קאונטי?

ביים אנהויב פונעם נייעם סקול-יאר, סעפטעמבער 1963, האבן מיר זיך אריבערגעצויגן קיין פאָמאָנע. דאס איז געווען פאר מיר א שווערער דורכגאנג, ווייל איך בין געווען שטארק צוגעבונדן צו מיינע חברים. איך בין אויך געווען זייער צוגעבונדן צו ניו יארק סיטי. איך האב שטענדיג געהאט א ראמאנטישע זייט אין מיר. איך בין געווען שטארק צוגעבונדן צו זאכן, פלעצער, דער אמאל, די פארגאנגענהייט, א.א.וו.

אינעם פערטן קלאס פלעג איך אהיימשפאצירן מיט נאך צוויי חברים יעדן טאג פון שולע, אויפ'ן וועג פלעגן מיר אריבערשפאצירן א ליידיגן שטח וואו ס'איז געשטאנען אן אלטער אפגעריבענער קאסטן, און ס'האט זיך אנטוויקלט א געוויסער ריטועל צווישן אונז, אז יעדעס מאל וואס מיר זענען פארביי די קאסטן האבן מיר עס געדארפט געבן א שטויס. זייער כאראקטעריסטיש פאר צען יעריגע קינדער.

ווען ס'איז געקומען דער לעצטער טאג פון שולע האב איך געזאגט פאר מיינע צוויי

חברים אז איך וויל נישט גיין מיט זיי, איך האב געוואלט גיין אליין. איך האב געוואלט זיך געזעגענען פון דעם קאסטן, און איך האב געהאט טרערן אין די אויגן ביים אנקוקן דעם קאסטן, וויסנדיג אז איך וועל עס נישט זען אין די קומענדיגע צוויי חדשים, ביז נאכ'ן זומער ווען מיר וועלן צוריקגיין אין שולע צום נייעם יאר.

יעצט פארשטיי ווי שווער ס'האט געמוזט זיין זיך אוועקצוציען פון דער גאנצער סביבה וואו איך בין אויפגעוואקסן ביז דעמאלט.

**אזעלכע געפילן בארירן די רעליגיעזע סטרונעס. מיר רעדן וועגן לכאורה פשוט'ע געשעענישן אינעם לעבן, אבער ס'זעט אויס אז דאס איז בעצם אויך געווען א טייל פון אייער רוחניות'דיגער רייזע.**



פארנדיג אויף א שולע-אויספלוג צו "בראנקס זו" אין יאר 1959. הרב שיללער (זיבן יאר אלט) ווערט געזען מיטן שלייף אויפ'ן העמד, א הויך אינגל וואס קוקט צום בילד.



אין "בראנקס זו" אויפ'ן אויספלוג. שיללער איז דאס אינגל אויף דער רעכטער זייט

ריכטיג.

אלזא, מיר האבן זיך געצויגן קיין ראקלענד קאונטי. איך בין געווען אביסל טרויעריג, ווייל מיינע פריינט זענען געבליבן אין קווינס. דא האב איך אנגעהויבן זען ארטאדאקסישע אידן אין מאנסי. ס'איז נישט דאס ערשטע מאל וואס איך האב געזען חסידישע אידן. וואוינענדיג אין קווינס פלעגן מיר צומאל גיין באזוכן א כשר'ן רעסטאראנט אינעם לאווער איסט-סייד, מיטן נאמען "גלאקסטערנס", וואס האט זיך געפונען אויף 135 Delancey Street. דאס איז געווען א ספעציעלע באלוינונג וואס איך האב באקומען איין מאל אין א פאר חדשים צו קענען גיין אהין עסן נאכטמאל.

צוריקקומענדיג קיין קווינס זענען מיר דורכגעפארן וויליאמסבורג (די BQE האט נאך דעמאלט נישט עקזיסטירט, האט מען געדארפט דורכפארן די גאסן פון וויליאמסבורג כדי צוצוקומען צו קווינס), און איך געדענק אז איך בין געווען זייער צעטומלט ביים זען די ארטאדאקסישע אידן אין וויליאמסבורג. איך האב געוואלט פארשטיין וואס דאס האט א שייכות צו מיר. ווען איך בין אנגעקומען אהיים האב איך נאכגעזוכט אינעם World Book Encyclopedia איבער די פארשידענע שטרעמונגען אין יהדות. איך בין דעמאלט געבליבן אויף ביז שפעט אינדערנאכט, במשך אפאר נעכט, און געליינט די בלעטער אין דער ענציקלאפעדיע. ס'איז מיך שטארק אנגעגאנגען צו פארשטיין וואס דאס האט צוטון מיט מיר. דעמאלט בין איך געווען אין דעם דריטן אדער פערטן קלאס (8-9 יאר אלט).

דא מוז איך דערמאנען א פילם וואס איז געוויזן געווארן אין יאר 1959 אויף דער טעלעוויזיע, אויף Channel 13, אפשפילנדיג עטליכע קלאסישע מעשה'לעך פון אידישע שרייבער. דער פילם האט געהייסן "די וועלט פון שלום עליכם", כאטש ס'האט געהאט איינגעשלאסן אויך "באנטשע שווייג", וואס איז אין אמת'ן פון י. ל. פרץ. דער פילם האט



סצענע פונעם פילם The World of Sholom Aleichem, געוויזן אויף טעלעוויזיע אין יאר 1959.

געשילדערט דאס אידישע לעבן אין מזרח אייראפע, פארשטעלנדיג די אקטיארן זערא מאסטעל, מאריס טשענאווסקי, צווישן נאך אנדערע שטערן פון דער אידישער טעאטער, און דאס האט מיך זייער דורכגענומען. סיי וויפיל מאל דער פילם איז אויפגעקומען אויף דער טעלעוויזיע בין איך געזעסן צוגענאגלט צו דעם. עפעס אין דעם מזרח אייראפעישן לעבנשטייגער האט מיך צוגעצויגן.

קומענדיג קיין ראקלענד קאונטי, האב איך ווידער אנגעהויבן טראכטן וועגן די ארטאדאקסישע אידן. איך האב זיי אנגעהויבן זען א סך מער ווי פריער, ווייל יעדעס מאל וואס איך בין אריבערגעפארן דעם 306 האב איך זיי באמערקט. ס'איז נישט געווען בלויז איזאלירטע אינצידענטן דא און דארט, און דאס האט מיך דערמאנט פון די אידן וועלכע איך האב געזען אמאל אין וויליאמסבורג, אדער פון די כאראקטערן אינעם פילם פון שלום עליכם'ס מעשיות. ס'איז מער נישט געווען מעגליך צו אויסמיידן די פראגעס וואס האבן זיך שטילערהייט צעוואקסן אין מיר שוין א לענגערע צייט.

קורץ נאכן זיך ציען קיין ראקלענד קאונטי, אין יאנואר 1964, איז אויך פארגעקומען א געשעעניש וואס האט מיך שטארק באריט. סענאטאר בערי גאָלדוואָטער (Barry Goldwater) וואס איז געווען מיין פערזענליכער פאליטישער העלד פון דער אמעריקאנער קאנסערוואטיווער באוועגונג, האט דעמאלט אנאנסירט אין יאנואר אז ער לויפט פאר דער רעפובליקאנער פרעזידענטליכער נאמינאציע. פאר מיר איז דאס געווען אזוי ווי משיח וואלט ערשט געלאזט וויסן אז ער איז אונטערוועגנס צו אויסלייזן כלל ישראל.

דער קאמפיין פון גאָלדוואָטער איז געווארן די הייליגסטע קאמף פון מיין לעבן דעמאלט. יעדע פיטשעווקע פונעם קאמפיין, יעדער ארטיקל, יעדער דריי פון די פריימעריס, איז געווען פאר מיר א תורה שלמה. ער איז געווען אינגאנצן אונזער מענטש. למעשה האט ער פארלוירן אין די פריימעריס אויף א פאר פלעצער און ס'איז נישט געווען קלאר צי ער וועט געווינען. כאטש ער האט צום סוף געוואונען די נאמינאציע, האט מיך די כמעט פארלוסט געצוואונגען צו טראכטן אז איך מוז סוף כל סוף נעמען אין באטראכט וואס יהדות באדייט פאר מיר. ווי געזאגט פריער, אז די פאליטישע און רעליגיעזע פראגעס זענען שטארק פארבונדן. פארשטייט זיך, אז די הילכיגע פארלוסט וואס גאָלדוואָטער האט שפעטער געליטן אין די אלגעמיינע וואלן פאר פרעזידענט האט מיך באזונדערס צעטרייסלט (ער האט געוואונען נאר זעקס שטאַטן), אבער דעמאלט בין איך שוין געווען ארטאדאקסיש.




פונעם גאלדוואָטער קאמפיין אין 1964

### דאס הייסט אז דער גאנצער טויש צו פרומקייט איז פארגעקומען אין אייער ערשטן יאר אין ראקלענד קאונטי?

ריכטיג.

קומענדיג קיין ראקלענד בין איך געגאנגען לערנען אין דער "ספרינג וואלי דזשואיש

קאמיוניטי סענטער" (דארט וואו ס'איז היינט די פאפא מיידל-שולע אויף Hillcrest) דריי מאל א וואך אין די פארנאכט שעה'ן, נאכ'ן ענדיגן דעם טאג אין פובליק סקול. ס'איז אגב אינטערעסאנט צו באמערקן אז מיין אייניקל, וועלכע לערנט אין דער פאפער שולע, האט געלערנט אינעם קלאס צימער וואו איך האב באקומען מיינע בר-מצוה שיעורים. בכל אופן, צו לערנען דריי מאל א וואך נאך שולע איז געווען אביסל צופיל, איך בין דערפאר לכתחילה געגאנגען באזוכן אין א רעפארם טעמפל וואס האט געהאט שיעורים נאר איין מאל א וואך, אבער ווען איך האב געזען אז דער פרינציפל גייט נישט מיט קיין קאפל, האב איך געזאגט פאר מיין מאמען אז איך וויל נישט לערנען אויף יענעם פלאץ ווייל דער פרינציפל האט נישט קיין קאפל. אזוי בין איך צום סוף אריבער צו דער ספרינג וואלי JCC (דזשוואיש קאמיוניטי



פערל אין די עלטערע יארן, מיט אן אייניקל



מיסטער הערי (חיים הערש) פערל, ביי זיין חתונה

סענטער).

אין דער ספרינג וואלי JCC זענען געווען א סך ארטאדאקסישע לערער. דאס האט ווייטער צוגעגעבן צו מיין ווערן נענטער מיט ארטאדאקסיע. אין שולע איז געווען א לערער מיטן נאמען חיים הערש פערל, אדער מיסטער הערי פערל, אן ארטאדאקסישער איד וואס איז געקומען פון שיקאגא, און ער האט לכתחילה זיך געצויגן קיין סקווירא, נישט ווייסנדיג קלאר וואס דאס איז. ער האט פארשטאנען אז דאס איז אן ארטאדאקסישע דארף און ס'וועט ממילא זיין פאסיג פאר אים. ווען ער האט שפעטער געכאפט זיין טעות, אז סקווירא פארלאנגט א געוויסע געטריישאפט צו דעם חסידות, האט ער זיך ארויסגעצויגן פון דארט. ווען איך האב אים באקענט איז ער שוין געווען אינדרויסן פון סקווירא.

דער מענטש האט געהאט א שטארקן איינפלוס איבער מיר. ער איז געווען זייער ארטאדאקסיש, ער האט אפגעטיילט די אינגלעך פון די מיידלעך אין זיין קלאס צו זיצן אין פארקערטע זייטן אינעם צימער, און ער האט ליב געהאט אידישקייט אהבת נפש. ער האט עס פשוט ליב געהאט. יעדער מדרש, יעדער חז"ל, איז געווען ביי אים באליבט. ער האט ליב געהאט צו רעדן וועגן כשרות. ער איז געווען דורכגעווייקט מיט שמחה פאר אידישקייט. ער איז אוועק ערשט לעצטנס מיט א פאר יאר צוריק אין ארץ ישראל, זייענדיג זייער אלט.

אין יענע יארן האט ער געהאט א דזשודאיקא געשעפט אין ספרינג וואלי, מיט אידישע ספרים, קאפלעך, ציצית, א.א.וו., אבער ער האט נישט געהאט כמעט קיין קליענטן, און א פאר יאר שפעטער האט ער פארמאכט דאס געשעפט. איך פלעג דארט אפזיצן אין זיין געשעפט צוזאמען מיט אים און מיר פלעגן שמועסן. איך האב אזוי ליב געהאט די אלטע ביכער, די קאפלעך ארום, און די גאנצע אטמאספער. איך בין געזעסן דארט און געליינט נאכאנאנד.

ווען איך האב באקענט מיסטער הערי פערל, דעם לערער, איז עס געווען אין יאר 1964, ווען איך בין אלט געווען 12 יאר.

## ביי וועלכן פונקט האט איר אנגעהויבן נעמען למעשה'דיגע טריט

## צו ווערן ארטאדאקסיש?

קודם האב איך אנגעהויבן מיט אן עקספערימענט. אינעם פרילינג אין יאר 1964, ביי די צוועלף יאר אלט, האב איך באשלאסן צו ווערן ארטאדאקסיש אויף איין חודש, כדי צו זען וואס דאס איז. איך האב איבערצייגט צוויי פון מיינע חברים אז זיי זאלן זיך מיטכאפן מיט מיר אינעם עקספערימענט, צו פרובירן ארטאדאקסיע אויף איין חודש.

איך האב געהאט א קיצור שולחן ערוך אויף ענגליש. מיר האבן שוין אויך געהאט באקומען תפילין אין JCC, וויבאלד ס'איז געווען אינעם יאר פון אונזערע בר-מצוה'ס. מיר האבן נישט געוואוסט קיין חילוק צווישן פאר דער בר מצוה אדער נאכדעם, און מיר האבן באשלאסן צו לייגן תפילין במשך דעם חודש און דאווענען יעדן טאג. איך האב אראפגעדרייט מיינע עלטערן דעם קאפ מיט כשרות, און איך האב אפגעהיט שבת אויף ווי ווייט איך האב עס פארשטאנען, ביז דער חודש איז אריבער.

אינמיטן דעם חודש האב איך געזאגט פאר מיינע חברים: "ס'איז נישט גענוג צו פראקטיצירן אידישקייט און ליינען וועגן דעם. מיר דארפן באזוכן ארטאדאקסישע אידן כדי צו זען וויאזוי זייער לעבן גייט. אויב מיר וועלן זיי נישט זען אינעם אמת'ן לעבן, וועט עס זיין בלויז אן אינטעלעקטועלע עקספערימענט, אן קיין אחיזה אינעם מציאות." ווי א טייל פון דעם עקספערימענט האבן מיר אריינגעוואנדערט קיין סקווירא.

דא קומט זיך קרעדיט פאר מיסטער פערל, וואס כאטש ער האט פערזענליך נישט געהאט קיין גוטע ערפארונג אין סקווירא, ווי געזאגט פריער, האט ער עס בכלל נישט ארויסגעוויזן ווען איך האב אים געזאגט אז איך האלט ביים באזוכן סקווירא. זיין רעאקציע איז געווען זייער פאזיטיוו. ער איז געווען גענוג ברייט צו קענען פארקוקן אויף זיין פערזענליכע ערפארונג און מיך לאזן גיין ווייטער אויסזוכן אליין מיין וועג.

ובכן, האבן מיר דעמאלט אריינשפאצירט קיין סקווירא, נאר צוויי גאסן זענען געווען אויסגעפלאסטערט, דאס איבריגע איז געווען בלאטיגע וועגן, ס'האבן דעמאלט געוואוינט דארט צווישן זיבעציג און אכציג משפחות.

ווען מיר זענען אריין האבן מיר קיינעם נישט געזען אויף דער גאס. מיר זענען אנגעקומען אין שול, צו דעם אלטן בית מדרש, און מיר האבן געעפנט די טיר. פון בית מדרש איז ארויסגעקומען א קול וואס האט אויסגעזען ווי דאווענען, און מיין חבר האט זיך אנגערופן: "זיי דאווענען, מיר דארפן אפציען פון דא!" ער האט מורא געהאט, מיר האבן אלע מורא געהאט, און מיר האבן באשלאסן אוועקצוגיין פון דארט ווי שנעלער.

מיר האבן זיך אויסגעדרייט צו גיין. אין יענער מינוט איז אנגעקומען ר' ישעיה ע"ה, דער גבאי פונעם רבי'ן, אויפ'ן וועג אריינצוגיין אין שול, כדי אפצונעמען דעם רבי'ן ז"ל און אהיימשפאצירן מיט אים. ווען ער האט אונז געזען האט ער אונז ווארעם באגריסט מיט א גרויסן פריינדליכן שמייכל, און ער האט אונז געפרעגט וואס מיר זוכן. "מיר האבן באשלאסן צו ווערן ארטאדאקסיש אויף איין חודש," האבן מיר געזאגט, "און ווי א טייל פונעם עקספערימענט האבן מיר געוואלט באזוכן דאס פלאץ."

ער האט זייער רואיג אויסגעהערט וואס מיר רעדן און אונז געזאגט: "איר ווייסט, דא אין בית מדרש זיצט יעצט א גרויסער 'שטערן' פון דער פילם אינדוסטריע מיטן נאמען סטיווען היל. ער האט באשלאסן א פאר יאר צוריק צו ווערן ארטאדאקסיש און ער זיצט דא און לערנט." אפגעזען צי מיר האבן געוואוסט ווער ער איז, האבן מיר אודאי געהאט חשק צו זען אן אקטיאר פון פילמען וואס איז געווארן ארטאדאקסיש. ווער וויל דען נישט באגעגענען א פילם שטערן? זענען מיר אריין אין שול, שלמה (סטיווען) איז געשטאנען דארט מיט זיין טלית און תפילין, און ער האט געזאגט תהילים נאכ'ן דאווענען. מיר זענען צוגעגאנגען צו שלמה'ן און אנגעהויבן א שמועס מיט אים.

אין בית מדרש זענען דעמאלט געזעסן כולל יונגעלייט און געלערנט, דאס קול וואס מיר האבן געהערט ארויסקומען פון בית מדרש איז געווען פון זייער לערנען, און די פרישע יונגעלייט זענען געווען אינטערעסירט צו הערן וואס מיר רעדן. זיי האבן זיך אויפגעשטעלט, ארומגערינגלט דאס פלאץ וואו מיר זענען געשטאנען, און אזוי האט זיך פארפירט א שמועס צווישן אונז. בשעת מיר האבן געהאלטן אינמיטן



שלמה (סטיוועו) היל יונגערהייט, אין א סצענע פון Mission Impossible, פראדוצירט פאר דער טעלעוויזיע. ר' שלמה איז שוין געווען דא פרום און לויט דער עצה פונעם סקווערער רבי'ן ז"ל איז ער פארבליבן ווייטער אין דער פילם אינדוסטריע.



ר' שלמה היל אין די עלטערע יארן

רעדן האט זיך מיטאמאל געעפנט א טיר, דער רבי איז ארויסגעקומען פון זיין צימער, צושפאצירט צום פרוכת און געגעבן א קוש, דערנאך איז ער אראפ פונעם ארון קודש. שלמה היל האט געגעבן א קוק און זיך אנגערופן צו אונז: "זעט איר, דאס איז דער רבי! ער איז זייער א הייליגער מענטש!"

שלמה היל האט אונז נאכדעם אהיימגעפירט מיט זיין אויטא. ווען מיר זענען דעם אנדערן טאג צוריקגעקומען אין שולע, האבן מיר געהאט וואס צו דערציילן אין קלאס. איך האב דערציילט די גאנצע מעשה, ביזן דערמאנען וויאזוי דער רבי האט געקושט די פירהאנג און אראפגעקומען פון ארון קודש. די חברים אין קלאס זענען געווען אויסער זיך, "וויאזוי האט ער אויסגעזען?

וויאזוי האט ער אויסגעזען?" מיין חבר, פאול, וואס איז געווען דארט מיט מיר, האט זיך אנגערופן: "איר ווילט וויסן וויאזוי ער האט אויסגעזען? איך וועל אייך זאגן. ער האט אויסגעזען ווי משה רבנו בשעת ער איז אראפ פונעם בארג סיני..."

דער סקווערער רבי ז"ל, און סקווירא בפרט, האט געמאכט אויף מיר אזא טיפן איינדרוק וואס איז שוין געבליבן אין מיר איינגעקריצט. דאס אלטע בית מדרש, מיט דער האלצערנער ערד, די אומפארענדיגטע וואנט, איז געווען זייער שוואך באלויכטן. ס'זענען געווען דארט בענק, טישן און בענקלעך צעווארפן, אן קיין שום געהעריגן סדר. דאס אלץ האט מיך עפעס שטארק געצויגן מיטן פשטות. סקווירא איז דעמאלט געווען צוזאמגעשטעלט בעיקר פון חורבן-איבערלעבער, און זיי זענען אלע געווען זייער פריינטליך און בא'חנ'ט.

אט דער עקספערימענט איז געווען דער מאמענט ווען איך האב אנגעהויבן טראכטן ערנסט וועגן ארטאדאקסיע. איך האב פרובירט צו איבערצייגן מיין מאמען אז זי זאל מיך לאזן גיין אין א ישיבה. זי האט אבער מורא געהאט איך זאל נישט מאכן קיין החלטות אויף וועלכע איך וועל שפעטער חרטה האבן. זי האט דערפאר פארלאנגט



הרב מאיר שיללער ביי זיין בר מצוה

אז איך זאל בלייבן נאך א יאר אין פובליק שולע, און אויב איך וועל נאך אלץ בלייבן איבערצייגט ביזן סוף פונעם יאר אז איך וויל גיין אין א ישיבה וועט זי מיך לאזן אריינגיין אינעם ניינטן קלאס אין ישיבה.

אין פארלויף פונעם יאר האב איך מיך געדרייט ווייטער אין סקווירא, איך האב מיך געטראפן דארט מיט מענטשן, געמאכט באקאנטשאפט, געליינט און געלערנט. איך האב מיר פארשאפט ספרים אויף ענגליש, א סאנסינא גמרא אויף ענגליש, א ראזנבאום חומש-רש"י אויף ענגליש, א.א.וו. ביים סוף פונעם אכטן קלאס, ווען איך האב געדארפט אריבערגיין אינעם ניינטן קלאס, האבן מענטשן פון סקווירא מיר פארשאפט א ישיבה. זיי האבן מיך איינגעשריבן אין ברויער'ס ישיבה.

אגב, ווען דער סקווערער רבי ז"ל האט אמאל געזען ביי מיר אין דער האנט די סאַנסינאָ גמרא, האט ער עס גענומען און געגלעט מיט אזויפיל ליבשאפט, ווי ער וואלט געהאלטן אין דער האנט א דיאמאנט. ער האט געקוקט אויף דעם פון אלע זייטן, אהין און צוריק, און ער האט מיך געפרעגט צי איך פארשטיי וואס דארט איז געשריבן. איך האב נישט פארשטאנען וואס ער פרעגט, ווייל איך האב נישט געקענט קיין אידיש, און בן-ציון פעלדמאן, איינער פון די חסידים, האט מיר איבערגעטייטשט וואס דער רבי פרעגט. "איך פרוביר," האב איך געענטפערט. דער רבי האט געשמייכלט אויף מיין ענטפער. אזעלכע מאמענטן ווי דאס זענען געווען גורל'דיגע מאמענטן אין מיינע החלטות צו בלייבן נאנט מיט פרומע אידן און זוכן א ישיבה.

## ווער זענען געווען די מענטשן וואס האבן אייך אינזין געהאט אין סקווירא אין יענע יארן?

איך וואלט געדארפט באצייכענען דריי מענטשן וועלכע איך בין שטארק מכיר טובה זייער הילף און שטיצע אין יענע יארן. דער ערשטער איז דער היינטיגער סקווערער רבי וועלכער האט מיר שטארק ארויסגעהאלפן דעמאלט. די שמועסן מיט אים זענען געווען מיט א ברייטקייט, היקפ'דיג, באַ'טעמ'ט און פול מיט חיות, געבויט מיט א קלארקייט אין אידישקייט און חסידות אויף א ווארעמען פארנעם. אויסערדעם האט ער מיר שטארק ארויסגעהאלפן אין סיי וואס איך האב מיך גענויטיגט, ווי איך וועל באלד דערציילן מער אויספירליך.

אן אנדערער איז להבחל"ח ר' משה אייזנבאך ע"ה, א יארעסלאווער איד פון גאליציע וואס איז כל ימיו געזעסן על התורה ועל העבודה. ער איז געווען דער חברותא פונעם היינטיגן רבי'ן יארן לאנג. דער דריטער איז הרב אברהם חיים שפיצער ע"ה, וואס איז שפעטער געווארן א גרויסער רב און פוסק אין בארא פארק און האט דעמאלט געוואוינט אין סקווירא. די דריי מענטשן האבן געטון דאס מערסטע פאר מיר אין יענער תקופה.

זיי האבן ארויסגעוויזן א משונה'דיגע מאס פון איבערגעגעבנקייט. אינעם זומער נאך דעם אכטן קלאס, ממש פאר'ן ניינטן קלאס, האבן זיי מיך איינגעשריבן אין קעמפ "קול רינה", אן ארטאדאקסישער קעמפ, און דארט האט מען געהאלטן ביים לערנען מסכת בבא מציעא, פרק השוכר את הפועלים, און מסכת ברכות. איך האב דעמאלט געזאגט פאר'ן היינטיגן רבי'ן און פאר ר' משה אייזנבאך אז איך בין נישט זיכער צי איך קען ארויסליינען ריכטיג די ווערטער. כאטש איך האב טאקע אן איבערזעצונג פון דער גמרא אויף ענגליש, וואלט איך אויך געדארפט א גמרא מיט נקודות, אז איך זאל קענען ארויסליינען די ווערטער.

ווען איך בין צוריקגעקומען א וואך שפעטער האבן זיי געהאט גרייט פאר מיר צוויי גרויסע בענדער פון תלמוד בבלי מנוקד, ס'איז געלעגן אויפ'ן טיש און געווארט



**דער סקווערער רבי ז"ל אויפ'ן וועג צו שחרית, א יאר אדער צוויי פאר זיין פטירה. אויף דער רעכטער זייט פונעם רבי'ן (דער הויכער מענטש) איז ר' משה אייזנבאך ע"ה**



הרב אברהם חיים שפיצער ז"ל, אין די עלטערע יארן אלס רב פון קהילת "אור החיים" אין בארא פארק

אויף מיר. איך בין געווען ערשטוינט און זיך געוואונדערט פון וואו זיי האבן דאס. "זארג נישט וועגן דעם," האבן זיי געזאגט, "לערן אין דעם." איך האב נישט קיין אנונג ווער, וואס, און וויאזוי, אבער דער תלמוד בבלי המנוקד איז געלעגן אויפ'ן טיש, אויף ביידע מסכתות וואס איך האב געדארפט האבן.

דאס איז בלויז איין ביישפיל פונעם הילף וואס זיי האבן מיר געגעבן. שפעטער ווען איך בין שוין געגאנגען אין ברויערס ישיבה האבן זיי מיר פארשאפט דאס געלט פארן שכר לימוד. הרב אברהם חיים שפיצער האט געהאט בחורים וואס זאלן ארומגיין פאר מיר שאפן געלט, און ער אליין האט מיר אוועקגעגעבן פון זיין געלט. איך פלעג אנקומען צום אפיס פון דער ישיבה מיט א זעקל אנגעפולט מיט קווארטערס, פונעם צוזאמגעשטעלטן געלט וואס איך האב באקומען. זיי האבן זיך ממש איבערגעגעבן בלב ונפש.

ס'איז געווען אויך א איד אין סקווירא מיטן נאמען ר' דוד געלבמאן ע"ה, וואס איז געווען א פליישהאקער, און ער האט מיר שטענדיג צוגעשטעלט פלייש און עס צוגעברענגט צו מיין מאמענ'ס הויז. דער היינטיגער סקווערער רבי פלעגט מיר אפט צוגרייטן גראסערי-שפייז פאר דער קומענדיגער וואך. ער האט מיר צוגעשטעלט די מילכיגס, געלבמאן האט מיר צוגעשטעלט דאס פליישיגס, און אזוי האב איך געהאט כשר'ס צו עסן פון אלע מינים. מיין מאמע האט אודאי קאאפערירט, זי האט צוגעשטעלט באזונדערע טעפ, א.א.וו. לויט די פאדערונגען פון כשרות.

# קאפיטל 4:
# אין ישיבה צווישן יעקעס און ליטוואקעס / די אויגן געצילט אויף סקווירא

**וויאזוי האט אייער מאמע אויפגענומען דעם געדאנק פון א ישיבה?**

איך האב דערציילט פאר מיין מאמען וועגן דער ישיבה וואס געפינט זיך אין וואשינגטאן הייטס, וועלכע פארמאגט אויך א שטארקע אפטיילונג פון וועלטליכע שטודיעס, און מיין מאמע האט מסכים געווען איך זאל אהינגיין. אין ניינטן קלאס בין איך אנגעקומען צו ברויער'ס ישיבה (ישיבת רבנו שמשון רפאל הירש).

**וויאזוי איז געווען טראנספארטאציע ביז וואשינגטאן הייטס?**

ס'זענען געווען נאך תלמידים וועלכע האבן געוואוינט אין מאנסי און מיר זענען אינאיינעם געפארן מיט אן אויטא. דא קומט נאכאמאל אריין די הילף וואס סקווירא האט מיר צוגעשטעלט. זיי האבן געשיקט איינעם יעדן אינדערפרי קיין פאמאנע, זעקס אזייגער פארטאגס, מיך אפצונעמען פונדערהיים, מיך צופירן קיין מאנסי וואו דער אויטא צו דער ישיבה האט געדארפט



**הרב ברויער מיט זיין רעביצין**



**הרב ברויער (רעכטס) מיט הרב שוואב**

ארויספארן. דאס זעלבע איז געווען ביינאכט. דער אויטא וואס איז געקומען פון ברויער'ס ישיבה האט מיך אראפגעלייגט פארנט פון "בית מדרש עליון", און זיי האבן געווארט אויף מיין טעלעפאן רוף אז מ'זאל מיך קומען אפנעמען.

היות איך בין שוין געווען דעמאלט אונטערן איינפלוס פון סקווירא, האב איך נישט טעלעפאנירט צו זיי אז מ'זאל מיך קומען אפנעמען פאר איך בין אריין אין דער מקוה פון "בית מדרש עליון" אויפדערנאכט. די מקוה האט נישט געהאט קיין פילטער, און ס'איז נישט געטוישט געווארן יעדן טאג, ביינאכט איז עס אויך געווען קאלט, אזוי אז ס'איז געווען יענע מקוה. איך האב נאכדעם גערופן קיין סקווירא, זיי האבן געשיקט עמיצן און יענער האט מיך אפגעטראגן אהיים.

## וויאזוי איז געווען די ערפארונג אין ברויער'ס ישיבה? וואספארא סארט ישיבה איז דאס געווען?

ברויער'ס ישיבה איז דעמאלט געווען אין אירע בעסטע זמנים. ס'האבן געלערנט דארטן 200 בחורים, מערסטנס פון די יעקישע משפחות אין וואשינגטאן הייטס. איך מיין אז ס'איז געווען אביסל ענליך צו א ליטווישער ישיבה, אבער מיט זייער א שטארקן יעקישן איינפלוס. ס'זענען נישט געווען אזויפיל ליטווישע הוטן, די בחורים האבן על פי רוב געהאט דאשיקלעך אויפ'ן קאפ, אדער נאר קאפלעך.

די ישיבה האט זיך געהאט איר אייגענע דייטשמעריש-ארטאדאקסישע שניט. זייערע משפחות זענען אין גרעסטן טייל ארויסגעקומען פון דייטשלאנד הארט פאר אדער נאך דער מלחמה, און זיי האבן איבערגעבויט זייער קהילה אין וואשינגטאן הייטס, מיט הרב [יוסף] ברויער אלס דער הויפט פירער און מנהיג. הרב שמעון שוואב איז אויך געווען א גרויסער מנהיג אין דער קהילה. ובכן, "תורה עם דרך ארץ" איז געווען דער לכתחילה'דיגער מהלך אין דער ישיבה, יעדער איינער איז געגאנגען אין קאלעדזש נאך ישיבה, אבער זיי זענען געווען זייער עקשנות'דיג אין זייער פרומקייט און ארטאדאקסיע, ארויסווייזנדיג א שטאלץ מיטן "ארויסטריט" וואס הרב שמשון רפאל הירש האט געמאכט אין דייטשלאנד (זיך אפצוטיילן פון די אלגעמיינע קהילות וועלכע האבן נישט לוחם געווען קעגן די רעפארמער).

זיי זענען אויך געווען זייער שטארק אנטי-ציוניסטיש, אזוי ווי ס'איז געווען אין דער דייטשישער ארטאדאקסיע פאר'ן קריג. מ'דערציילט פון הרב ברויער אז צוליב צוויי סיבות האט ער נישט געקענט זיך אנשליסן אין דער אגודה ווען ער איז אנגעקומען קיין אמעריקע. איין סיבה איז געווען צוליב דעם וואס זיי זענען געווען אביסל צו ציוניסטיש, און דאס צווייטע וויבאלד זיי האבן אפגעטיילט יונגלעך און מיידלעך אין די יוגנט גרופעס...

איך האב אבער געהאט א פראבלעם אין יענע יארן, אז איך האב שוין געהאט געלייגט אן אויג אויף סקווירא און איך האב מער

נישט געוואלט הערן פון עפעס אנדערש. איך האב דערפאר נישט געהעריג אפגעשאצט דאס חשיבות פון הרב שמשון רפאל הירש און די גאנצע השקפה ארום. מיין רבי פונעם צענטן קלאס איז געווען ר' שלמה אליעזר דאנציגער, וועמען איך האב אין די שפעטערע יארן אנגעהויבן באטראכטן ווי איינער פון מיינע עיקר רבי'ס אין לעבן, אבער בשעת איך בין געווען זיין תלמיד האב איך זייער ביטער זיך געשלאגן מיט אים, אן קיין רחמנות, אין דער נושא פון חסידות און נאך אנדערע זאכן. ס'איז געווען שרעקליך. דו ווייסט דאך, ווען מ'איז יונג מיינט מען אז מ'ווייסט אלעס. אפילו ווען מ'איז אלט מיינט מען אפט אזוי.

**זענט איר שפעטער, הייסט עס, צוריק צו אים און זיך איבערגעבעטן?**

אהו זיכער! גאנץ שנעל. אין מיינע כולל יארן נאך דער חתונה בין איך צוריקגעקומען צו אים. און דערנאך זענען מיר געבליבן נאנט אויף אייביג.

**דאס הייסט אז ער האט נאך פארכאפט צו זען אז איר האט סוף כל סוף רעספעקטירט זיין תורה?**

אינגאנצן! א סך א סך מער ווי בלויז רעספעקט. אין מערערע וועגן איז ער איינער פון מיינע פראטא-טיפן פון דעם וואס "תורה עם דרך ארץ" דארף צו זיין. ער לערנט זיך זיין דף היומי פיר מאל א טאג, מיט מפרשים און אן מפרשים, ער לייענט פאעזיע, הערט זיך צו צו קלאסישער מוזיק, און דערווייל וואוינט ער אין לעיקוואוד. ער וואלט נישט געקענט וואוינען ערגעץ אנדערש, וויבאלד ער זוכט כסדר מיט וועמען צו רעדן אין לערנען, און לעיקוואוד איז דאס מערסטע פאסיג פאר דעם. בכל אופן איז ער פארבליבן איינער פון מיינע עיקר רבי'ס אין לעבן. יעצט איז ער שוין אין די טיפערע עלטערע יארן, עמו"ש.

**האט ער עפעס אפגעשריבן?**

יא, ס'זענען דא פון אים ארטיקלען איבער דער טעמע פון "תורה עם דרך ארץ". ער האט געשריבן פיל חידושי תורה אויף דער גמרא. ער האט אויך ארויסגעגעבן א ספר על התורה מיטן נאמען "אורח מישור" וואו ער פארלייגט זיך צו פארשטיין דעם פסוק לויטן פשט, אינעם שטייגער פון די פשטנים צווישן די ראשונים. פשט און מדרש איז שוין היינט אזוי אויסגעמישט ביי אונז, אז מיר האבן פארלוירן די כלים צו קענען זיך דערגרונטעווען צו דעם פשוט'ן באדייט פונעם פסוק.

**זענען געווען געמישטע קלאסן פון יונגלעך און מיידלעך אין ברויער'ס ישיבה?**

ניין. די יוגנט גרופעס זענען געווען אינאיינעם, אבער נישט די קלאסן אין ישיבה. דער בנין פון די מיידלעך און דער בנין פון די יונגלעך זענען געווען איינער נעבן דעם אנדערן, און ביי געוויסע אומשטענדן האט מען געקענט זיין אינעם זעלבן בנין, למשל ביי די קלאסן פון וויסנשאפט וואס זענען פארגעקומען אין לאבאראטאריע, ווי אויך אין ביבליאטעק. ס'איז טאקע נישט געווען קיין שטרענגע אפטיילונג, אבער ס'איז אויך נישט געווען קיין שום נאנטע בארירונג צווישן די מינים אין סקול.

**וויאזוי איז צוגעגאנגען די אפטיילונג פון וועלטליכע שטודיעס אין ברויער'ס ישיבה?**

די וועלטליכע שטודיעס זענען געווען אויפ'ן געהעריגן שטאפל, ווי אין יעדער מתיבתא היי-סקול. איך מוז אבער באצייכענען אז איך האב דעמאלט נישט געהאט גענוג אינטערעס אין דעם, צו מיין באדויערן. היסטאריע און ליטעראטור האב איך ליב געהאט, ווי געזאגט פריער, אבער וויסנשאפט און מאטעמאטיק האבן מיך נישט געצויגן. מיין וועלטקוק אין יענער תקופה איז געווען ענג, און איך האב נישט אפגעשאצט גענוג די ברייטקייט פון דער וועלט. באזונדערס האב איך נישט געקענט דולדן קיין מאטעמאטיק, און ס'איז מיר פארגעקומען ווי ס'וואלט געווען א טויטער לימוד.

**גוט, אייער נשמה איז זיכער מער פונעם היכל ה-HUMANITIES ווי איידער פון טרוקענער מאטעמאטיק. נישט אזוי?**

יא. קלאר אזוי.

**ס'איז אינטערעסאנט וויאזוי אן אנטי-מאטעמאטישע נשמה האט געטראפן אזא משיכה צו דער הלכה'דיגער סטרוקטור פון ארטאדאקסיע. איז עס נישט אביסל פאראדאקסאל?**

בכלל נישט. איך האב קיינמאל נישט באטראכט די דעטאלן פונעם שולחן ערוך ווי טרוקענע מאטעמאטיק. ס'איז שטענדיג געווען לעבעדיג מיט א געפיל פון גאט, געטליכקייט, און רוחניות. איך גלייב אז מיר אלע פילן אזא ערפארונג בשעת מיר לערנען.

**אודאי אזוי. דאס לערנען איז אן ערפארונג פאר זיך. מיין כוונה איז געווען צו פרעגן אויף דער פראקטיק פונעם הלכה'דיגן לעבן, וועלכע קען אויסקוקן פאר א דרויסנדיגן ווי א קייט פון געזעצן און באגרעניצונגען. זייענדיג א קינד פון א נישט-פרומען שטוב, וואס האט אייך געצויגן צו דעם?**

איך האב פארשטאנען אז די געזעצן זענען געטליך, און יעדער דעטאל ברענגט דיך נענטער צו דער געטליכער ספערע.

**וואו זענט איר געווען אין די שבתים?**

איך בין געווען אינדערהיים. איך האב אליין געהיטן שבת פאר זיך. איך בין דעמאלט געווען אנגעטון אין א קורצן רעקל, א געבויגענעם הוט, מיט א גארטל, אפילו זיצנדיג אינדערהיים. איך האב געדאוונט אלע תפילות, געזונגען אלע זמירות וואס איך האב געהערט ביי ר' משה אייזנבאך, איך האב געזאגט תהלים שבת אינדערפרי, איך האב אויסגעפירט דאס גאנצע געשעפט אליין אין שטוב. איך האב דעמאלט זיך אפגעהאלטן פון זען דעם "קאלעדזש פוטבאל געים" אויף דער טעלעוויזיע אין שבת. אפילו ווען ס'איז געווען די Army-Navy פארמעסט האב איך אויך נישט מיטגעהאלטן דעם שפיל, כאטש ס'זענען געווען אנדערע אין שטוב וואס האבן אנגעצונדן די טעלעוויזיע צו זען דעם שפיל.

אין די שיינע שבתים אדער ימים טובים בין איך געגאנגען קיין סקווירא. דער רבי ז"ל איז געווען די גאנצע וועלט פאר מיר. איך האב נישט געקענט פארשטיין וואס ער רעדט, ווייל איך האב נישט פארשטאנען קיין אידיש, אבער בלויז זיין פערזענליכקייט האט מיך איבערגענומען. ווען איך בין אריין צו שמועסן מיט אים איז מיט מיר מיטגעגאנגען עמיצער וואס זאל קענען איבערזעצן צווישן אונז.

**ביי וועלכן פונקט אין לעבן האט איר געלערנט אידיש?**

דאס איז א גוטע פראגע. קודם כל האב איך עס אויפגעכאפט אביסל במשך די שבתים און ימים טובים וואס איך האב פארברענגט אין סקווירא. נאך ברויער'ס ישיבה בין איך אריבער צו "מתיבתא בית שרגא" וואו דער ראש ישיבה האט געגעבן זיין שיעור אין אידיש. אינצווישן האב איך אויך פרובירט אליין זיך צו לערנען, אביסל דורכן "בית יהודה חומש", אדער אנדערע אידיש-טייטש ספרים, א.ד.ג. מיין אידיש איז געווארן מיט דער צייט בעסער, זייענדיג גענוג לאנג צווישן אידיש-רעדנדע מענטשן.

**ווילאנג האט איר געלערנט אין ברויער'ס ישיבה?**

דאס יאר פון 1965-1966 איז געווען מיין ערשטע יאר ביי ברויער'ס. ביים צווייטן יאר, 1966-1967, בין איך געווען ביי הרב דאנציגער'ס שיעור. איך האב נישט געקענט ענדיגן דאס יאר דארט ווייל מיר האבן זיך אזוי נישט פארשטאנען, ווי פריער דערמאנט. איך ווייס אז דאס איז געווען אינגאנצן מיין שולד. אלס רעזולטאט פון דעם האב איך געמוזט אריבערטוישן צו אן אנדערן מגיד שיעור אינמיטן יאר.

אינעם הערבסט פון 1965 איז וויליאם באַקלי (William Buckley) געלאפן אלס מעיאר פון ניו יארק, מטעם דער קאנסערוואטיוער פארטיי. ער איז געווען איינער פון די אינטעלעקטועלע העלדן פון דער קאנסערוואטיווער באוועגונג. איך דארף דאס דערמאנען וויבאלד יענע וואַלן זענען געווען א גרויסער תענוג פאר מיר. באַקלי האט געפירט זיין קאמפיין מיט הומאר. ער האט שטענדיג געהאט זיסע ווערטלעך צו זאגן אויף די פראגעס וואס מ'האט אים געשטעלט. ווען מ'האט אים געפרעגט וואס ער וועט טון גלייך ווען ער וועט



**פונעם "וויליאם באַקלי קאמפיין" פאר ניו יארק מעיאר, אין 1965**

געווינען, האט ער געענטפערט אז ער וועט שטעלן זיכערהייט ארום דעם אפיס פונעם ליבעראלן "ניו יארק טיימס" אז קיינער זאל זיך נישט נעמען דארט דאס לעבן...

די קאנסערוואטיווער פארטיי האט געוואוסט אז זיי וועלן נישט קענען געווינען רוב שטימען פאר זייער קאנדידאט, אבער די סטראטעגיע פון דער פארטיי איז נאר געווען צו שלעפן די רעפובליקאנער פארטיי מער אויף רעכטס דורכ'ן אוועקנעמען שטימען פון זיי. אין אנדערע ווערטער, דאס ארויסשטעלן אן אנדערן קאנדידאט איז געווען געצילט צו צייגן פאר דער רעפובליקאנער פארטיי, וועלכע איז אין יענע יארן געווען מער ליבעראל געשטימט, אז זיי קענען נישט געווינען אן די שטיצע פון דער קאנסערוואטיווער באוועגונג. היינט צוטאגס אינדארסירן די קאנסערוואטיוון געווענליך די זעלבע קאנדידאטן ווי די רעפובליקאנער.

דער קאנסערוואטיווער קאנדידאט האט אודאי פארלוירן, ס'איז נישט מעגליך געווען אנצוציען צו ווייט אליין, אבער דער ציל איז געווען אז די רעפובליקאנער זאלן פארלירן. ביי יענעם קאמפיין האבן גראדע די רעפובליקאנער געוואונען קעגן די דעמאקראטן. איך דערמאן די אלע פאליטישע קאמפיינען פון יענער תקופה, וויבאלד זיי האבן מיך שטארק אינטערעסירט בשעתו, און זיי האבן געהאט א טייל אין מיינע אנטוויקלונגען. יעדע פארלוסט האט מיך באוואוגן צו באטראכטן ווייטער די יסודות'דיגע פראגעס פון לעבן.

ביים סוף פון יענעם סקול-יאר, אין 1967, האב איך זיך א סך באקלאגט צו די סקווערער אז איך בין אומצופרידן אין דער ישיבה און איך וויל ווייטער גיין. זיי האבן טעלעפאנירט צו מתיבתא בית שרגא און מיר פארשאפט א פלאץ דארט אין דער ישיבה צום נייעם לערן-יאר 1967-1968.

## אין בית שרגא זענט איר געווען מער צופרידן?

גוט, דאס איז שוין באמת אינעם מעינסטרים פון דער ישיבה-וועלט. דא האט מען געלערנט לימודי קודש ביז דריי אזייגער נאכמיטאג. פון 4:00 ביז 6:30 האט מען געלערנט וועלטליכע לימודים, און נאכדעם איז געווען א נאכט סדר, ס'איז געווען דארט א דארמיטארי איבערצושלאפן, און ס'זענען אויך געווען סדרים אין שבת.

זיי זענען נישט געווען סטאנדארט ליטוויש, ווייל דארט זענען געווען א סך השפעות פון "תורה ודעת", אבער אויך דא האב איך נישט געוואוסט צו שעצן זייער דעליקאטע באלאנס צווישן דעם עולם התורה און חסידות א דאנק דער השפעה פון ר' שרגא פייוול מענדלאוויטש ז"ל. איך בין געווען פארכאפט ווי אין צוויבער-קראפט מיטן ווארט סקווירא, און איך האב נאר געווארט אויף דער געלעגנהייט אנצוקומען אהין. דאס האט מיך נישט געלאזט אנערקענען דעם ארטיגן גייסט אין דער ישיבה.

איך בין זיכער באאיינפלוסט געווארן פון זייער צוגאנג, אבער איך בין געווען בלינד צו דעם בשעת מעשה. אנשטאט צו באמערקן אז די מענטשן גלייבן אין זאכן וואס קענען מיך אינספירירן און איך קען פון זיי בענעפיטירן, האב איך נאר געטראכט די גאנצע צייט, "וואס וואלט סקווירא געזאגט צו דער זאך?"

אינעם צווייטן יאר וואס איך האב דארט געלערנט, האב איך געהערט שיעורים פון ר' שמואל פייבלזאהן, ער איז געווען דארט ראש ישיבה. ר' שמואל איז געווען, ווי מ'זאלט עס גערופן, "שפיץ לעיקוואוד". ער איז געווען א תלמיד מובהק פון ר' אהרן קאטלער. חסידים זענען אין זיינע אויגן געווען שוואכע. קיינער איז נישט געווען גענוג גוט, אויסער די וואס



**הרב שמואל פייבלזאהן, ראש ישיבה אין מתיבתא בית שרגא, אין די יונגע יארן**

לערנען לומדות על פי דעם ישיבה'שן מהלך.

אבער זיין איבערגעגעבנהייט פאר תורה און דאווענען, זיין התמדה און התלהבות, זיין ערנסטער הילוך, דאס אלץ האט מיך זייער באאיינדרוקט. ער האט געהאט אן אויסערגעוועגליכע מסירות נפש פאר תורה. במשך דעם יום טוב סוכות בין איך איינגעשטאנען ביי אים אין שטוב און איך בין געווען שטארק איבערגענומען פון זיין באנעמונג. איך מיין אז איך וואלט געקענט טרעפן אין דעם אלעמען א טיפע השראה: דא האב איך געזען פאר מיר א לעבן פון מסירות נפש פאר תורה, און אויב איך האב שוין דעמאלט געהאט א חלום צו ווערן אמאל א מגיד שיעור און פארלערנען גמרא, האט ר' שמואל אין מיר אריינגעגעבן די איבערצייגונג אז ס'איז כדאי צו צאלן סיי וועלכן פרייז דאס צו דערגרייכן, כדי צו אטעמען א לעבן פון תורה.

ווען ער האט געוואלט עמיצן אריינזאגן אז ער האט נישט גוט אפגעלערנט א גמרא האט ער געזאגט, אויף זיין אייגנארטיגן ליטווישן הומאר: "דו ביסט אן עם-הארץ פון דער שטאט העכסטנגראד," מיינענדיג דערמיט אן עם הארץ פונעם העכסטן גראַד... מיר האבן אנגענומען דעם פסק און דאס האט אונז מסתמא אויך געהאלפן. מיר האבן זיך געפלאגט צו פארשטיין בעסער און קלארער.

דא האב איך א מעשה פון יענע יארן: גלייך נאך מיין אנהייבן לערנען אין בית שרגא איז אנגעקומען ראש השנה. ס'איז געווען דער לעצטער ראש השנה ביים לעבן פונעם סקווערער רבי'ן ז"ל. ראש השנה איז דעמאלט געווען דאנערשטאג, פרייטאג, שבת. איך בין צוגעגאנגען צו ר' שמואל פייבלזאהן און געבעטן רשות צו גיין קיין סקווירא אויף ראש השנה. איך בין געווען זיכער אז ער וועט מיר גלייך זאגן: יא, ס'איז נישט קיין שום פראבלעם. ער האט מיר אבער געענטפערט: "ניין", און צוגעלייגט "במקום תורה שם תהא רינה." ער האט מיר אויך נאכגעזאגט עפעס א חז"ל, און דאס אלעס.

איך בין געווען אינגאנצן צעטרייסלט. וויאזוי איז מעגליך אז איך זאל נישט זיין אין סקווירא אויף ראש השנה? איך האב אויפגעהויבן א טעלעפאן צו ר' איציקל, דער שפעטערער ראחמיסטריווקער רבי, וועלכער האט נאך דעמאלט געוואוינט אין סקווירא אלס יונגערמאן, און איך האב אים געפרעגט וואס צו טון. איך האב נאכנישט געקענט גענוג גוט אידיש אויף צו קענען פירן א שמועס און עמיצער האט געמוזט רעדן פאר מיינעט וועגן אויפ'ן טעלעפאן און איבערזעצן צווישן אונז. ווען ר' איציקל האט געהערט מיין פראבלעם האט ער געטראפן פאר מיר אן עצה.

"זאג אים אזוי," האט ר' איציקל געזאגט, "דו וועסט זיין אין ישיבה דעם ערשטן טאג ראש השנה, און דו וועסט אריינשפאצירן קיין סקווירא צו מעריב אויף דער צווייטער נאכט." אין סקווירא האט מען געדאווענט מעריב ערשט נאנט צו חצות, אזוי אז איך האב געקענט זיין אין ישיבה געהעריג ביז דעמאלט. ער האט מיר ווייטער גע'עצה'ט צו בלייבן אין סקווירא אויפ'ן צווייטן טאג ביז נאנט צום זמן, און נאכדעם צוריקשפאצירן אין ישיבה צו זיין דארט איבער שבת. "פרעג דעם ראש ישיבה צי ער קען מסכים זיין דיר צו געבן נאר דעם איינעם טאג אין סקווירא." איך בין צוריק אין ישיבה, פארגעלייגט די עצה, און דער ראש ישיבה האט מסכים געווען.

די מעשה איז אינטערעסאנט צוליב דער ברייטקייט פונעם ראחמיסטריווקער רבי'ן, וועלכער האט געדארפט קענען מאנעווירן אין דער פראבלעמאטישער סיטואציע - נישט אוועקצומאכן דעם ראש ישיבה,

און נישט אוועקצומאכן מיינע געגועים צו סקווירא, נאר צו טרעפן א דורכפירבארע לעזונג. דאס איז געווען דער לעצטער ראש השנה. א האלב יאר שפעטער, אין ב' ניסן תשכ"ח (1968), איז דער סקווערער רבי אוועק.

**דאס הייסט אז איר זענט נאך געווען אין בית שרגא ווען דער סקווערער רבי איז אוועק?**

יא. דער רבי איז געווען צוויי וואכן אין שפיטאל, פון נאך פורים ביז אנהייב חודש ניסן. אין סקווירא האט מען געבעטן אז יעדער זאל זיך גיין אונטערזוכן צו זען וואס זיין blood type איז, ווייל דער רבי האט זיך גענויטיגט אין בלוט. איך האב דעמאלט ארגאניזירט גאנץ בית שרגא צו גיין צו דער לאבאראטאריע אין ספרינג וואלי, כדי זיך צו אונטערזוכן. מיר זענען צוריקגעקומען אין ישיבה, ס'איז געווען אין א מוצאי שבת, און איך האב דערנאך ארגאניזירט א מנין תהלים אין ישיבה. דער סקווערער רבי איז געווען חשוב אין אלע אונזערע קרייזן, מ'האט אין ישיבה יעדן טאג געזאגט תהלים פאר אים, אזוי אז ס'איז געווען נאטירליך פאר יעדן זיך צו זארגן וועגן זיין מצב.

צומארגנס, זונטאג, האט מען סערווירט אין ישיבה פיצא. די קעז מאכלים זענען געווען פון חלב סתם. היינט וואלט מען נישט גע'חלומ'ט צו סערווירן אזא זאך אין א ישיבה, אבער דאס איז געווען נארמאל אין יענע טעג אין די נישט-חסידישע מקומות. איך האב אבער נישט געוואלט עסן די מילכיגס פון ישיבה און איך פלעג ארויסגיין זיך איינקויפן מיטאג. יענעם טאג ווען איך בין ארויס איינקויפן עסן, שפאצירנדיג אין ריכטונג פון Main Street, האב איך געזען מענטשן קומען פון "בית מדרש עליון" מיט אראפגעלאזטע קעפ, און איך בין געוואויר געווארן אז ס'איז שוין נאך דער פטירה. ביי מיר איז דאס געווען ווי די גאנצע וועלט וואלט מיטאמאל געווארן פינסטער אין יענער סעקונדע.

איך בין אריבער צום הויז פון הרב דן אונגארישער ז"ל, ער איז געווען דער ראש ישיבה פון בית מדרש עליון, און זיין זון האט געלערנט אין בית שרגא. איך האב פון זיין הויז גערופן א טעקסי און תיכף געפארן קיין סקווירא. איך בין אנגעקומען צום הויז פון ר' משה אייזנבאך, און יעדעס קינד וואס איז דארט געווען האט געוויינט. יעדער איינער. אייזנבאך אליין איז צוזאמגעפאלן. א דאקטאר איז דארט געווען. איך האב פארשטאנען אז איך האב נישט וואס צו זוכן דארט, בין איך ארויס אויף דער גאס, און איך האב געזען ווי דער גאנצער עולם שפאצירט ארויס פון וואשינגטאן עוועניו צום 45, כדי אקעגנצוגיין דעם אויטא וואס ברענגט צוריק דעם רבי'ן פון שפיטאל.

די חסידים האבן אפגענומען דעם רבי'ן פון שפיטאל מיט א "סטעישאן וואגאן" און אריבערגעפירט די קערפער קיין סקווירא, ארומגענומען אין א ליילעך, אן קיין ארון. אינעם אויטא איז געזעסן, להבדיל בין חיים לחיים, דער היינטיגער סקווערער רבי, דער היינטיגער ראחמיסטריווקער רבי, און אויך א פאר גבאים. ווען דער אויטא האט זיך אריינגעדרייט אין דער גאס, איז יעדער צוגעלאפן צום אויטא. די מאסע פון מענטשן וואס זענען צוגעלאפן האט געגעבן א זעץ אריין אינעם אויטא מיט א רעש, און איך געדענק עמיצן אויסשרייען מיט ייאוש, "וואס וועט זיין מיט אונז? וואס וועט זיין מיט אונז?" נאכדעם האט דער אויטא זיך פארשנעלערט און אראפגעפארן וואשינגטאן עוועניו. איך האב נישט געקענט אויפהערן וויינען.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום הויז און זיי האבן ארויסגענומען דעם רבי'ן מיטן ליילעך ארומגעוויקלט האט יעדער געוויינט היסטעריש. איך מיין אז איך האב נישט אויפגעהערט וויינען במשך דער קומענדיגער שעה, איך האב געמיינט אז די וועלט האט זיך געענדיגט. איך האב מיך געפרעגט, "וויאזוי איז דאס אלץ מעגליך?"

נאך דער לויה בין איך נישט צוריק אין ישיבה, נאר איך בין אהיימגעגאנגען. איך בין געווען אזוי געפאלן ביי זיך אז איך האב נישט געקענט זיך אריענטירן. הרב יהושע שיף ז"ל איז דעמאלט געווען מיין מגיד שיעור אין בית שרגא, און ער האט אויפגעהויבן א טעלעפאן צו מיר ערשט נאך א טאג און געזאגט: "ס'איז צייט צוריקצוקומען אין ישיבה. מ'װארט אויף דיר." און איך בין צוריק אין ישיבה. דאס לעבן איז ווייטער אנגעגאנגען.

דער היינטיגער סקווערער רבי האט איבערגענומען. חסידים גייען אפט דורך א קריזיס בשעת דעם איבערגאנג פון איין



הרב יהושע שיף ע"ה, ראש מתיבתא אין בית שרגא. הרב שיללער'ס מגיד שיעור יענעם יאר.

רבי'ן צום אנדערן, אבער ביי מיר האט דער איבערגאנג דוקא אויסגעזען נאטירליך. איך האב זייער טייער געהאלטן דעם נייעם רבי'ן שוין די לעצטע פיר יאר בחייו פון פריערדיגן רבי'ן. מיר האבן געמוזט זיך צוזאמנעמען נאכ'ן קלאפ און ווייטער גיין מיטן לעבן.

### ווען זענט איר אנגעקומען אין דער סקווערער ישיבה?

איך האב געלערנט אין בית שרגא א יאר מיט א האלב. ארום א יאר נאך דער הסתלקות פונעם רבי'ן האב איך אנגעהויבן זיך בעטן ביי מיינע סקווערער באקאנטע אז איך וויל אריבערגיין לערנען אין סקווירא. דאס איז געווען נאנט צום חודש ניסן פונעם יאר 1969.

ענדליך, ענדליך, נאכ'ן מוטשען און אויפהער, נאכ'ן דרייען א קאפ במשך א גאנצן חודש, זענען זיי ווייכער געווארן. איך בין געזעסן אין בית מדרש עליון און פרובירט צו פארבעסערן מיין אידיש אויף יעדן מעגליכן אופן. אין יענע פאר וואכן בין איך אדער געזעסן אין בית מדרש עליון און געארבעט אויף מיין אידיש, אדער בין איך געווען אין סקווירא און געהאקט אויף דער טיר. ענדליך ארום פסח צייט האבן זיי מסכים געווען.

נאך פסח, אין יאר תשכ"ט (1969), האב איך אנגעהויבן לערנען אין סקווירא. מ'האט געלערנט דעמאלט מסכת סוכה, דער ראש ישיבה איז געווען ר' משה גרין, און דא האט זיך אנגעהויבן א נייע קאפיטל אין מיין לעבן.

# קאפיטל 5:
# א חלום ערפילט / אין סקווירא

**איר האט ענדליך דערגרייכט אייער לעבנס-וואונטש, די תשוקה פון אלע יארן אויף וואס מ'האט אזוי ארויסגעקוקט און געווארט, און איר זענט ענדליך אנגעקומען צו דער סקווערער ישיבה. וואס איז אייער ערפארונג ביים אנקומען צום ציל?**

ס'זענען געווען דעמאלט ארום 70-80 בחורים אין ישיבה אין יענע יארן. אפשר 20-30 יונגעלייט. דער ראש ישיבה איז געווען ר' משה גרין. דער מנהל איז געווען דער היינטיגער ראחמיסטריווקער רבי, ר' איציקל. די ישיבה איז געווען זייער אן ערנסטער פלאץ. איך וואלט געזאגט אז די איבערוויגנדע מערהייט פון בחורים און יונגעלייט האבן פעסט געלערנט.

ר' משה גרין האט נישט פארנומען קיין תירוצים. ס'איז נישט געווען אזא זאך ווי שפעטיגן, נישט ביי שחרית, נישט ביים לערנען. אויב עמיצער האט נישט געלערנט געהעריג בשעת'ן סדר האט ער געקענט צוקומען און געבן א שריי אויף יענעם, אמאל אמאל האט ער צוגעגעבן א דזשאָבע, א.ד.ג. ס'איז געווען זייער ערנסט און ס'איז נישט געווען קיין שום אנדערע זאך אין דער ישיבה אויסער לערנען.

ר' משה גרין האט ארויסגעוויזן אן אויסערגעווענליכע גאונות אין מהרש"א, פני יהושע, מהר"ם שיף, מיט אן עיון אין דעם געבוי פונעם בלאט. אבער דערצו איז ער אויך געווען א בקי אין אלע ישיבה'שע לומדות, ווי מברר זיין שיטות הראשונים א.ד.ג. די אנדערטהאלבן שעה פון זיין שיעור

איז געווען מלא וגדוש פון דעם אלעמען, נישט גרינג אבער א תענוג. דאנערשטאג אינדערפרי פלעגט ער געבן א פלפול שיעור.

דער מצב אין ישיבה איז געווען זייער ערנסט. איך מיין אז די לייענער וועלן נישט גלייבן וואס איך וועל יעצט זאגן, אבער ס'איז געווען ממש אומדערהערט אז א בחור זאל פארפאסן דאס דאווענען אין ישיבה, אבער אויב איינער האט צוליב א סיבה פארפאסט דאס דאווענען האט ער געמוזט גיין צו דעם הויפט בית-מדרש פונעם יישוב און זיך באהאלטן ערגעץ אין א ווינקל פונעם ווייבערשול, מיט דער האפענונג אז קיינער וועט אים נישט באמערקן ווי ער באגייט די שרעקליכע עוולה פון פארפאסן דעם מנין אין ישיבה א פערטל צו זיבן.

די בחורים זענען געזעסן מיטן הוט און רעקל און גארטל א גאנצן טאג, פון אינדערפרי ביז ביינאכט. דאס איז געווען א מין כובד ראש און חאניאקישקייט, צו זאגן אז אונז גייט נישט אן די גאנצע גשמיות. אויב א בחור האט נאר אויפגעהויבן די פָּאלעס פונעם רעקל ביים זיך אוועקזעצן, האט ער שוין געהייסן א געפוצטער... א סך בחורים האבן אויך נישט מיטגענומען קיין האנטוכער אין מקוה, ווייל ס'איז געווען באטראכט ווי א מאדערנע זאך. א חאניאק דארף לאזן דאס וואסער פון דער מקוה אויף זיין קערפער. א חבר מיינער פון ישיבה האט מיר לעצטנס דערציילט אז ער פלעגט זיך יא מיטברענגען א האנטוך, אבער ער פלעגט דאס באהאלטן אונטערן רעקל אז קיינער זאל נישט זען וואס ער האט דארט...

חאניאקישקייט איז געווען א גרויסער שטאלץ. איך מיין אז ס'איז נישט געווען כמעט קיינער צווישן אונז וואס האט זיך געפילט אינדרויסן פון דער ישיבה-פראגראם, מיט אלץ וואס דאס האט געמיינט. מיר זענען אלע געווען א טייל פון דעם. איך האב ליב געהאט כמעט יעדע מינוט.

## ווען זענען די בחורים פון דער ישיבה געווען מיט'ן רבי'ן?

נאר שבת. חוץ ווען ס'איז געווען א יומא דפגרא, ווי למשל חנוכה, ווען דער רבי האט געפראוועט אינמיטן דער וואך. שבת זענען געווען דריי טישן: פרייטאג צונאכטס, שבת נאכמיטאג, און שלש סעודות. מיר פלעגן גיין



ר' מאיר שיללער אלס בחור אין סקווירא, זיצנדיג ביים שולחן ערוך

צו אלע דריי טישן. דער פרייטאג-צונאכטס טיש אין ווינטער פלעגט זיך אנהייבן ארום 10:30-11:00, און איך מיין אז כמעט קיינער פון די בחורים האט נישט געפעלט פונעם טיש.

ביי די טישן האט געהערשט אן אויסערגעווענליכע שטילקייט. קיינער האט נישט געוואגט ארויסצולאזן א פיפס בשעת מ'האט נישט געזונגען. ווען מ'האט געהערט פון ערגעץ א קול האט דער גבאי אויסגעשריגן: "שטיל זאל זיין! שטיל זאל זיין!" איך געדענק עס ווי א מין הייליגע שטילקייט זאל האבן איינגעהילט דאס פלאץ פון יעדן ווינקל.

מיר האבן אזוי געוואלט זיין א טייל פון דעם. איך מיין אז איך קען רואיג רעדן אין נאמען פון מיינע חברים אויך, ווייל מיר האבן אלע געפילט ווי דער שבת איז דער צענטער פון אונזער גאנצן וועזן. שלש-סעודות איז געפראוועט געווארן אין טונקל, דאס איז געווען אן אויסערגעווענליכע איבערלעבעניש פאר זיך. אין די זומער שבתים פלעגט זיך עס ענדיגן זייער שפעט, נאנט צו צוועלף אזייגער ביינאכט, נאכ'ן רבינ'ס הבדלה. אין שייכות מיט דעם דערמאנט זיך מיר א זיסע מעשה'לע וואס איך האב געהערט דעמאלט.

פאר די בחורים איז דער סדר-היום פון מוצאי שבת אין די זומער שבתים געווען זייער נישט גרינג. נאכ'ן דאווענען מעריב ארום צוועלף אזייגער האט מען זיך ערשט

געזעצט עסן מלוה-מלכה אין ישיבה, און זונטאג אינדערפרי וואלט מען געדארפט זיין ביים דאווענען פערטל צו זיבן! נעם אין באטראכט אז שבת איז פאר אונז נישט געווען קיין טאג פון זיך אפרוען, וויבאלד דאס דאווענען און די טישן האבן פארנומען דעם טאג. ובכן האט מען געפרעגט דעם רבי'ן ז"ל צי מ'קען אנהייבן זונטאג אביסל שפעטער דאס דאווענען אין ישיבה. ענדליך נאכ'ן זיך איינבעטן א לאנגע צייט ביי אים האט ער מסכים געווען אז מ'זאל אפשטופן די צייט פונעם דאווענען, פון 6:45 צו 7:00... סדר הישיבה האט זיך ווייטער אנגעהויבן אין דער זעלבער צייט ווי יעדן טאג, 8:30, נאר פאר שחרית האבן מיר געקענט שלאפן פופצן מינוט לענגער. דערפאר האבן מיר אבער געדארפט שניידן א פערטל שעה פונעם פרישטאג.

פאר מחנכים היינט קען זיין אינטערעסאנט צו הערן אז מיר האבן גערן מיטגעשטראמט מיט דעם. קיינער האט נישט געזאגט: "ס'איז צו שווער. ס'איז נישט יושר'דיג. מיר קענען עס נישט טון." דאס קען אפשר דינען ווי חומר למחשבה פאר מחנכים.

באזונדערס פלעגן מיר ארויסקוקן מיט ערווארטונג איידער ס'איז אנגעקומען א ספעציעלער שבת, ווי למשל א שבת פאר א יארצייט אדער א יום טוב. די בחורים פלעגן אריבערגיין צו ר' איציקל (דער היינטיגער ראחמיסטריווקער רבי, דער סקווערער רבי'נס שוואגער), און ער פלעגט דערציילן מעשיות איבער דעם בעל-היארצייט, אדער איבער דעם יום טוב. ווינטער פלעגן מיר גיין צו אים פאר'ן פרייטאג צונאכטס טיש, און זומער פאר שלש-סעודות. ער האט צעשפרייט א שטארקע מאס פון ערנסטקייט איבער דעם מאמענט. נאכאמאל, מיט שטילקייט! און מיט זיין אומגלויבליכע יראת הכבוד פאר די מעשיות אדער פאר'ן יום טוב.

איך געדענק אמאל ווען ס'איז געווען א שבת פאר שבועות, וואס דאס איז אויך פאר'ן בעל-שם'ס יארצייט, און מיר זענען אריבערגעגאנגען צו אים פאר שלש-סעודות. ער איז געזעסן במשך א מינוט אדער צוויי מיט א שטילקייט, און צומאל ארויסגעמורמלט: "דער בעל שם! ווער קען רעדן פונעם בעל שם?" דערנאך איז געקומען נאך א מינוט אדער צוויי פון שטילקייט, ביז ער האט ווייטער געזאגט: "שוין צוויי הונדערט יאר אריבער! ווער קען משיג זיין? ווער קען משיג זיין?" מיר זענען אלע געזעסן דארט צוגענאגלט, נישט אראפנעמענדיג קיין אויג פון אים, און ענדליך נאך פינף מינוט האט ער אנגעהויבן דערציילן די ערשטע מעשה.

דא קענסטו זיך שוין פארשטעלן וואס דאס אלץ האט געמיינט פאר די 16-17 יעריגע בחורים פון ישיבה.

## האבן די בחורים געהאט א קשר אויך מיטן מנהל, דער היינטיגער ראחמיסטריווקער רבי?

ער איז געווען זייער פריינטליך. פון אונזער זייט האבן מיר מורא געהאט פון אים, מיר האבן געהאט א געוויסן פחד צו רעדן מיט אים, אבער ער פון זיין זייט איז געווען זייער צוגעלאזן און פריינטליך. מ'האט



דער סקווערער רבי און זיין שוואגער דער ראחמיסטריווקער רבי מיט יארן צוריק

געקענט אריבערגיין צו אים אין שטוב סיי ווען מיר האבן געוואלט. אויב ער איז נישט געווען פארנומען האט ער גערן געכאפט א שמועס. ער האט געקענט אוועקגעבן פאר א בחור פופצן מינוט, א האלבע שעה, און צומאל אפילו א שעה, פון זיין אייגענער צייט. זיין גאונות איז געווען אין דעם וואס ער האט געקענט אהערשטעלן אזא שטארקער ענטוזיאזם ביים רעדן מיט א בחור, ווי גלייך ס'וואלט געווען דאס ערשטע מאל וואס ער האט דערציילט די מעשה, דאס ערשטע מאל וואס ער זאגט איבער דעם געדאנק, דאס ערשטע מאל וואס ער נעמט דאס ספר אין דער האנט כדי צו ווייזן פאר א בחור, א.א.וו. אלץ מיט דער זעלבער קאן.

מיר האבן ממילא איבערגענומען דעם זעלבן סארט תשוקה צו די זאכן, וויבאלד ער האט עס איבערגעגעבן פאר אונז אויף דעם אופן. א גרויסער טייל פון מיין אינערליכע וועלט אין יענע יארן איז געווארן אויספארמירט דורך אים. דאס איז וואס ער האט אונז געגעבן.

**אויסער די טישן און די לימודים, איז געווען נאך עפעס וואס האט צוגעגעבן צו דער אטמאספערע אין דער ישיבה? איז געווען עפעס זייטיגע אקטיוויטעטן אדער פיגורן מיט וועלכע די בחורים האבן געהאט א שייכות?**

איך האב זייער זיסע זכרונות פון א געוויסער פארצייטישער פיגור וואס האט זיך געדרייט אין שטעטל און געהאט א שייכות מיט די בחורים. דאס איז געווען ר' משה בטלן. ר' משה איז געווען א גבאי פונעם סקווערער רבי'ן ז"ל אין יאס, ראמעניע. ר' משה איז געבוירן אין לאדזש ביי קאצקער חסידים, ער האט פארברענגט צייט אין אלכסנדר, ער האט פארברענגט אין סלאנים און אין שטעפאנעשט, אין ארץ-ישראל האט ער פארברענגט אין גור, און אין בעלזא, ווי אויך אין נאך אנדערע פלעצער. דאך איז לכאורה דער רבי ז"ל געווען דער צענטער פון זיין לעבן. בסוף ימיו איז ער געקומען וואוינען קיין סקווירא, אין אמעריקע.

ער פלעגט געבן אומאפיציעלע שיעורים פאר די בחורים אין אור החיים הקדוש, אמאל אויך אין טור, שולחן ערוך, אדער סיי וואס מיר האבן געלערנט. אן עיקר פונקט איז געווען ביי אונז וואס ער האט געפראוועט סעודה'לעך ביינאכט, נאך צען אזייגער. ס'זענען געווען פארשידענע יארצייטן וואס ער האט איינגעהאלטן. אלע טשערנאבלער רבי'ס, אלע רוזינער רבי'ס, בעלזער רבי'ס, א.א.וו. זיין קאלענדער איז געווען גאנץ גרויס. מסתמא האט ער געהאט אזעלכע 40-50 יארצייטן. ער פלעגט דאס טון אין שול ביינאכט, נאכדעם וואס דער נאכט-סדר האט זיך געענדיגט, און דער סך הכל פון דער סעודה איז על-פי רוב באשטאנען פון: הארטע חלה וואס איז געבליבן פון מלוה-מלכה מוצאי שבת, הערינג אין אויל, און אויב עמיצער האט געברענגט געקאכטע פיש אדער קוגל האבן מיר דאס אויך געהאט... א סך סעודות האבן מיר געפראוועט נאר מיט דער הארטער חלה און הערינג, און א פלעשל וויין זיך צו ווינטשן לחיים.

אמאל זענען געקומען צען-פופצן בחורים, אמאל פינף און צוואנציג, יעדעס מאל אנדערש. קיינער האט נישט געמוזט קומען, נאר אויב דו האסט געהאט א געשמאק אין פראווען יארצייט סעודות, מיט דער גאנצער אייגנארטיגקייט וואס דאס האט פארמאגט, ביסטו געקומען. ביים סוף פון דער סעודה פלעגט מען צומאל אויך אריינגיין צום רבי'ן און געווינטשן לחיים, דער רבי פלעגט דעמאלט דערציילן א פאר מעשיות. איך האב זייער ליב געהאט די גאנצע זאך. ביי מיר איז דאס געווען א הימלישע ערפארונג. איך בין געווען ארומגענומען מיטן געפיל אז איך זיץ ביי א סעודה פון אן עכטן דערהויבענעם איד. איך בין דערווארעמט געווארן דורך דעם אחדות פון די האניאקעס, דאס געשטעל פון ר' משה בטלן, און אפילו ווען מ'איז געזעסן שטיל און נישט דערציילט קיין מעשיות האט עס געהאט אויף מיר דעם זעלבן טיפן איינדרוק.

ווען ר' משה האט זיך אנגעשטויסן אין מיר אינמיטן טאג און געוואלט איינלאדן צו זיין סעודה'לע, האט ער מיר געזאגט: "מאיר קום, איך וועל האבן הערינג היינט ביינאכט. קום אריבער, וועל איך דיך אויסלערנען וויאזוי צו שעכטן א הערינג..." מיר פלעגן אים אויך זען ביי די טישן ווי ער פלעגט זיצן מיט א מורא'דיגער אמונה אין רבי'ן, כאטש דער רבי איז געווען פערציג יאר יונגער פון



**ר' משה ווייס, גבאי פון סקווערער רבי'ן אין יאס (ראמעניע), באקאנט אלס ר' משה בטלן**

אים, און דאס אלעס האט געהאט זייער א גרויסע השפעה אויף אונז.

דער היינטיגער ראחמיסטריווקער רבי האט מיר דערציילט אז ר' משה בטלן פלעגט עסן די שבת'דיגע סעודות ביי אים איידער ר' משה'ס אידענע איז אים נאכגעקומען קיין אמעריקע צו וואוינען אין סקווירא, אבער אויב איז עמיצער אריבערגעקומען אינמיטן דער סעודה און דערציילט אז דער רבי איז שוין אריין צום טיש האט זיך ר' משה תיכף אויפגעהויבן און אריבער צום טיש. ס'האט נישט אויסגעמאכט צי מ'האט שוין בכלל געהאט געגעסן עפעס נאכן ערשטן כזית המוציא.

ער האט געגלייבט אז נאכן איבערנעמען שיריים אין דער האנט דארף מען זיך נישט אפוווישן. ווען ער האט געזען ווי איינער פון אונז ווישט זיך אריין ערגעץ, אינעם טישטוך אדער אין א סערוועטל, האט ער אונז פארגעהאלטן: "וואס ווישסטו דיך אפ?..." ער האט געהאלטן אז מ'דארף בלייבן מיט דער פארשמירטער האנט פון די שיריים.

**דאס הייסט אז אייער ערפארונג אין סקווירא איז געווען זייער א גוטע.**

איך האב מיך געפילט ווי דער גליקליכסטער מענטש אין דער וועלט.

**אויב אזוי, וואס האט אייך געברענגט צו פארלאזן דאס פלאץ?**

די יארן אין סקווירא זענען געווען גליקליכע יארן. וואס ס'איז געווען נאכדעם איז א באזונדערע געשיכטע.

# קאפיטל 6: נייע האריזאנטן

**איר זענט געבליבן אין סקווירא ביז אייער חתונה?**

נישט נאר ביז דער חתונה, נאר אויך נאך דער חתונה, חוץ פון א פאר חדשים אינצווישן.

איך האב חתונה געהאט אין יאר תשל"ב (דעצעמבער 1971), אין עלטער פון 20 יאר. אויף עטליכע חדשים בין איך אריבער וואוינען אין מאנסי, און נאכדעם בין איך צוריק קיין סקווירא וואו איך האב געוואוינט און געלערנט אין כולל זעקס יאר.

אויך דא האבן זיי מיר לכתחילה שווער געמאכט צו קומען וואוינען קיין סקווירא. איך בין נאכאמאל אריבער די זעלבע פראצעדור, ארויסקוקנדיג אנצוקומען אהין, ביז זיי האבן מסכים געווען. קען זיין אז מיט א בליק אויף צוריק זענען זיי געווען גערעכט...

**זייענדיג אין סקווירא האט איר ווייטער געליינט ביכער? האט איר באקענט נייע מחברים? נייע געדאנקען פון דער וועלט אינדרויסן?**

אין ישיבה איז עס נישט שייך געווען. איך בין איבערגעשלאפן אין דארמיטארי, און דער טאג איז געווען אנגעפולט מיט גמרא, הלכה, חסידות, א.א.וו. נאך דער חתונה האב איך געהאט מער מעגליכקייטן, און דאס האט מיך עווענטועל צוריקגעפירט צו הרב דאנציגער, מיין מגיד שיעור פון ברויער'ס ישיבה.

**וואס האט אייך געברענגט זיך צו ווענדן מיטאמאל צו הרב דאנציגער?**

איך האב געהאט געליינט ביכער פון אידישע דענקער פון דייטשלאנד, ווי בובער און ראזנצווייג, און איך האב געוואלט וויסן וויאזוי ער קוקט אויף זיי. איך בין דעמאלט געווען זייער באאיינדרוקט פון פראנץ ראזנצווייג, און ווען איך האב מיך געטראפן מיט הרב דאנציגער האב איך אים געפרעגט, "ווען מ'ליינט ביכער פון אידישע דענקער וועלכע זענען נישט געווען עכט פרום, איז עס מעגליך אז זיי האבן געהאט אין געוויסע זאכן א טיפקייט וועלכע מיר האבן נישט?" הרב דאנציגער האט געשמייכלט צו מיר און צוריקגעפרעגט, "פארוואס נישט?"

איך געדענק נאך דעם שאק וואס איך האב באקומען פון דעם "פארוואס נישט..." הגם ער איז א שטארקער חסיד פונעם מהלך פון הרב שמשון רפאל הירש, פארגלייבט אינעם ארויסטריט, דאך האט ער פארשטאנען אז דאס איז תורה עם דרך ארץ, צו נעמען דעם דרך ארץ און פילטרירן דורך דער תורה.

הרב דאנציגער איז שטענדיג געווען איבערגעגעבן פאר זיין לערנען. ער האט א געוויסע מסורה פון ר' חיים עוזר אז איידער מ'הייבט אן שמועסן מיט עמיצן דארף מען רעדן אין לערנען. ובכן, ער פלעגט כסדר מחדש זיין חידושי תורה, ער האט געהאט ביי זיך צעטלעך אנגעפולט מיט חידושים, און יעדעס מאל וואס מיר האבן זיך געזען פלעגט ער מיר קודם איבערזאגן פשטים אויף דער מסכתא וואו ער האט געהאלטן, און נאר נאכדעם האבן מיר אנגעהויבן דעם שמועס איבער אנדערע זאכן.

הרב דאנציגער האט אזא הערצה צו די אוצרות פון דער מענטשהייט, אז ער וואלט זיך געקענט אויסלייגן בפישוט ידים ורגלים צו דאנקען דעם רבונו של עולם אויף דער יצירה פון קלאסישער מוזיק, און דאס אלץ גלייך נאכ'ן פארענדיגן א פלפול אין א שווערן תוספות. זיין שעצונג צו דער מענטשליכער שאפונג און חכמה גייט ביי אים האנט אין האנט מיט זיין איבערגעגעבנקייט פאר דער תורה. ביי אים האב איך געהאפט אז איך וועל טרעפן אן ענטפער צו די פראגעס וועלכע זענען מיר אויפגעקומען אין יענע יארן, בשעת איך בין געזעסן אין כולל און פרובירט צו אויסברייטערן מיין וועלט.

**איז ער דער איינציגער מענטש מיט וועמען איר האט דורכגעשמועסט אייערע ערשטע נאגענישן אין יענע יארן?**

אין אנהייב יא. שפעטער איז אריינגעקומען אין מיין לעבן הרב נארמען (נחום) לאם (Rabbi Norman Lamm), דער פרעזידענט פון Yeshiva University, אבער דאס איז נאך אויך געווען אין די כולל יארן. ווען איך האב אים באקענט צום ערשטן מאל איז ער נאכנישט געווען דער פרעזידענט



הרב שלמה אליעזר דאנציגער, היינט צוטאגס אין לעיקוואוד



הרב לאם, דעמאלטדיגער נשיא פון Yeshiva University

פון YU. איך האב געהאט געליינט א בוך וואס ער האט געשריבן און איך האב אים טעלעפאנירט פארצולייגן מיינע שאלות וואס זענען מיר אויפגעקומען ביים ליינען. אזוי האב איך אים באקענט.

### איר פלעגט אזוי טון אפט מיט אנדערע מחברים פון ביכער?

יא, ווען איך האב געליינט א בוך איבער פארשידענע געדאנקען אין פאליטיק, רעליגיע, געזעלשאפט, א.ד.ג. האב איך שטענדיג מסדר געווען מיינע שאלות און דערנאך געזוכט צו שמועסן מיטן מחבר וועגן דעם.

### די מחברים האבן גערן אויפגענומען אייערע טעלעפאן-רופן, גרייט צו ענטפערן אויף אייערע פראגן?

אפשר איינס פון פופציג נישט. כמעט אלע זענען צופרידן צוריקצוהערן און ענטפערן אויף שאלות.

בכל אופן, איך האב בשעתו גערופן הרב לאם, נאכן ליינען זיין בוך, און זיין ווייב האט מיר שפעטער דערציילט אז זיי האבן פונקט געדארפט ארויסגיין יענע נאכט. איך האב דעמאלט גערופן אויפ'ן טעלעפאן און געזאגט אז איך האב דריי שאלות צו פרעגן. הרב לאם האט מסכים געווען צו הערן מיינע שאלות.

זיין ווייב דערציילט מיר וועגן יענעם שמועס. "מיין מאן איז שוין געווען אנגעטון אינעם מאנטל אבער ער האט גערעדט אויפ'ן טעלעפאן שטייענדיגערהייט. דערנאך האט ער זיך אראפגעזעצט און איך האב אנגעהויבן ווערן אנגעצויגן. אביסל שפעטער האט ער אראפגענומען איין ערמל פונעם מאנטל. ווען ער האט נאכדעם אראפגענומען אויך דעם צווייטן ערמל האב איך געוואוסט אז מיר גייען נישט ארויס היינט נאכט..."

איך האב אין יענעם שמועס גערעדט צו אים צווישן דריי און פיר שעה. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס מיר האבן גערעדט.

### וואס האט אייך אזוי באאיינדרוקט? איר האט דעמאלט אנטדעקט א נייע וועלט?

ס'איז דאס ערשטע מאל וואס איך האב געזען א געלערנטן פילאזאף וואס איז ארטאדאקסיש און דערצו א גרויסער תלמיד חכם, און איך האב אים פשוט ליב באקומען. איך האב אים שפעטער נאכאמאל גערופן אויפ'ן טעלעפאן, און כמעט יעדעס מאל וואס איך האב טעלעפאנירט האט ער מיר אוועקגעגעבן צייט. ער איז דעמאלט געווען דער ראביי פונעם "דזשואיש סענטער" אין מאנהעטן, ער איז געווען א פראפעסאר אין YU, אבער ס'האט מיר אויסגעזען ווי ער האט די גאנצע וועלט'ס צייט...

הרב לאם האט מיר געהאלפן אנקומען צו א ברייטערן וועלטקוק. איך בין אים מכיר טובה פאר מיין לעבן. ער האט מיר געוויזן אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, און אז מיר דארפן טייער האלטן די בריאה. ער האט מיר געוויזן אז א מענטש קען זיין דורכגעטראכט, רעפלעקטיוו, און רייך-באליינט, און דאס אלץ אין ראם פון דער תורה. ווען איך האב אנגעהויבן שרייבן מיין בוך האב איך אריבערגעשיקט צו אים יעדעס קאפיטל באזונדער – ס'איז געווען אין האנטשריפט, נישט מיט קיין קאמפיוטער – און ער האט פארראכטן מיינע האנט-געשריבענע קאפיטלען מיט לאנגע הערות. פון וואו האט ער געהאט די צייט פאר דעם? ער איז געווען אזוי גוט צו מיר.

### איך וויל טאקע באלד צוקומען צו אייער בוך. נאר צוערשט וויל איך הערן מער איבער יענער תקופה. וויאזוי הייסט דאס בוך וואס איר האט געליינט פון הרב לאם?

דאס בוך הייסט Faith and Doubt. ס'איז געווען איינע פון זיינע ערשטע ביכער.

הרב לאם האט מיך שפעטער פארבעטן צו רעדן פאר זיינע תלמידים אינעם פילאזאפיע-קלאס אין YU, נאך איידער מיר האבן זיך געהאט אמאל געזען. ער האט מיר נאכדעם דערציילט אז ער האט מיך פארגעשטעלט פאר די תלמידים בערך אזוי: "ס'וועט קומען יעצט רעדן מיין טייערער חבר וועמען איך האב קיינמאל נישט באגעגנט..." ער האט מיר ווייטער דערציילט, "ווען ס'איז אריינגעקומען א יונגערמאן מיט א חסידישן הוט, ארומגעבונדן אין א גארטל, האט דער קלאס געמיינט אז איך מאך חוזק פון זיי."

איך האב דעמאלט געלערנט אין סקווערער כולל און געהאט אנגעטון דעם גארטל א גאנצן טאג, ווי ס'איז געווארן דער מנהג אין סקווירא.

ער האט שפעטער געשריבן דעם אריינפיר צו מיין בוך, און דארט האט ער אריינגעשריבן דעם אנעקדאט.

## ועמען נאך וואלט איר באטראכט אלס אזעלכע וואס האבן אייך שטארק באאיינפלוסט אין יענער תקופה?

איך מעג דערמאנען אויך מיינע נישט-אידישע רבי'ס? איינע פון מיינע ערשטע נישט-אידישע רבי'ס איז געווען Thomas Molnar, אדער פראפעסאר מאָלנאַר, וועמען איך האב באקענט אין יענע יארן אלס יונגערמאן אין סקווירא. ער איז געווען אן אונגארישער פראפעסאר. איך וואלט נישט אנגעקומען אין ערגעץ אין פאליטישער פילאזאפיע ווען נישט אים.

מאלנאר האט געשריבן א בוך אונטערן קעפל The Counter Revolution, וואס האט אויפגעשאקלט מיין גאנצע פאליטישע-סאציאלע גדאנקענגאנג. די אמעריקאנער רעכטע באוועגונג איז שטארק פארנומען מיט אינדיווידואליזם, די קאנסטיטוציע, פרייע האנדל, א.א.וו. אבער די אייראפעאישע רעכטס איז גאנץ עפעס אנדערש. די טראדיציאנעלע אייראפעאישע רעכטס איז



דער אונגארישער פראפעסאר, טאמאס מאָלנאַר

איינגעווארצלט אין רעליגיע, אינעם קהילה-לעבן פון דער געזעלשאפט, און ס'האט נישט קיין פראבלעם מיט דעם אז די רעגירונג זאל זיין מער פארמישט אין דער געזעלשאפט, אין דער עקאנאמיע, א.א.וו. ס'איז גאנץ אן אנדערע פילאזאפיע ווי דער היגער רעכטער באוועגונג.

פראפעסאר מאלנאר איז געווען אן ערנסטער פילאזאף אין רעליגיעז, פאליטישע און געזעלשאפטליכע הינזיכטן. ער האט געשריבן פילע צענדליגער ביכער אין פארשידענע שפראכן, אויף ענגליש, פראנצויזיש און אונגאריש. אז דו וועסט נאכזוכן אויפ'ן אינטערנעט וועסטו טרעפן א לאנגע מגילה פון ביכער און ארטיקלען וואס ער האט געשריבן. איך רעד דא וועגן הונדערטער אויף הונדערטער ארטיקלען, מיט זעכציג אדער זיבעציג ביכער, מיט א מאס פראדוקטיוויקייט וואס איז אומגלויבליך.

ער איז געווען א פראפעסאר אין פארשידענע אוניווערזיטעטן איבער דער וועלט, ער פלעגט כסדר ארומפארן איבער שטעט און לענדער, און ווען איך פלעג אים פרעגן אויפ'ן טעלעפאן ווען מיר קענען זיך טרעפן פלעגט ער ענטפערן בערך אזוי, "אין צוויי וואכן ארום, דינסטאג נאכמיטאג, וועל איך האבן אביסל צייט." זיין סדר היום איז געווען אויסגערעכנט ביז צו דער מינוט.

ס'איז געווען א שטיק צייט וואס ער האט געגעבן שיעורים אין ברוקלין קאלעדזש, און ער האט מיר דערציילט א מעשה'לע אין שייכות מיט דעם. אין אמעריקע האבן די קאלעדזשעס דעמאלט אנגעהויבן אויפקומען מיט די teacher evaluation forms וועלכע מ'טיילט אויס פאר די סטודענטן כדי זיי זאלן אריינשרייבן צי זיי זענען צופרידן מיט זייער פראפעסאר, וועלכער ענין ס'דארף פארבעסערט ווערן, א.א.וו. פראפעסאר מאלנאר איז געווען קעגן דעם: "קינדער זאלן אפשאצן זייערע לערער?! איך האב בשום אופן נישט געוואלט אנטיילנעמען אין דעם," האט מאלנאר געזאגט. "אויב דער סטודענט גיט אן אפשאצונג אויף מיר, בין איך מער נישט דער לערער, נאר ער איז דער לערער."

"איין טאג," דערציילט דער פראפעסאר, "איז אנגעקומען דער שרעקליכער מענטש, וואס האט פשוט אריינשפאצירט אין מיין צימער און אנגעהויבן אויסטיילן די פארמס.

איך האב אים געפרעגט, 'וואס טוסטו?' און ער האט מיר געזאגט מיט א פשטות אז דאס זענען די evaluation forms. איך האב גלייך געזאגט פאר די תלמידים, 'class dismissed', נישטא מער קיין קלאס. און איך האב זיך באלד אויפגעהויבן און ארויס פונעם צימער."

"אויב דו וועסט מיך פרעגן פארוואס זיי זאגן מיך נישט אפ פון מיין פאזיציע, וועל איך דיר געבן דעם ענטפער אויף דעם," האט פראפעסאר מאלנאר געזאגט. "אנדערש ווי רוב פראפעסארן אין ברוקלין קאלעדזש וועלכע קענען ניטאמאל ליינען א בוך, בין איך אייגנטליך דער וואס שרייבט זיי..." כדי אים צו קענען בעסער אפשאצן וואלט מען געדארפט הערן וויאזוי ער דערציילט עס אויף ענגליש מיטן אונגארישן אקצענט.

## וואו פלעגט איר זיך טרעפן?

אין מאנהעטן. איך פלעג אריבערגיין צו זיין אפארטמענט. איך געדענק דאס ערשטע מאל ווען מיר האבן זיך געדארפט טרעפן און ער האט אפגעשמועסט, "מיר וועלן זיך טרעפן ביי דעם fountain אין לינקאלן סענטער, און מיר וועלן זיך דארט אראפזעצן." איך בין דעמאלט נאך געווען אינעם סקווערער כולל און איך האב געהאט א קנאפע ידיעה וואו ס'איז דער לינקאלן סענטער. "יו נאוי וויר איט איז. רייט?[2]" האט דער פראפעסאר געפרעגט מיטן טיף-אונגארישן אקצענט, און איך האב באלד צוגעשטימט אז איך ווייס. אויף עפעס אן אופן האב איך זיך אן עצה געגעבן צום סוף.

ובכן, איך פלעג זיך טרעפן מיט אים יארן לאנג און ער האט מיר געגעבן א וועלטקוק. ער האט מיר געוויזן ווי שטארק מיין רעליגיע דארף האבן צוטון מיט מיין פאליטישן און עקאנאמישן וועלטקוק.

•

אגב, אז מ'רעדט שוין וועגן מיינע רבי'ס פון יענע יארן מוז איך דערמאנען א זשורנאל וואס איז זייער שטארק א חלק פון מיין אינטעלעקטועלער היסטאריע. דער נאמען פונעם זשורנאל איז געווען Triumph. דער זשורנאל איז נתייסד געווארן דורך ברענט באָזעל (Brent Bozell), וואס איז געווען א שוואגער פון וויליאַם באַקלי (Wiliam Buckley) וועמען איך האב דערמאנט פריער[3]. באָזעל האט געהאט געקומען צו דער מסקנא אז די אמעריקאנער רעכטס נעמט נישט רעליגיע גענוג ערנסט, און ער האט געמאכט זיין אייגענעם זשורנאל. ס'איז אנגעגאנגען נישט מער ווי צען יאר, אבער ס'האט זייער אויסגעמאכט אויף מיר.



ברענט באָזעל, רעדאקטאר פונעם Triumph

ברענט באָזעל איז געווען דער רעדאקטאר פונעם זשורנאל. צו אים האב איך געהאט אזא יראת הכבוד אז איך האב אים קיינמאל נישט טעלעפאנירט. איך מוז אים אבער אריינרעכנען אין דער רשימה פון מיינע מורי דרך. דער זשורנאל איז געווען פאר מיר א גאנצע וועלט, וויבאלד דורכדעם איז ביי מיר אלעס צוזאמגעקומען אין איין בילד, רעליגיע, פאליטיק, עקאנאמיע, און געזעלשאפט.

**איר האט פריער דערמאנט דאס בוך וואס איר האט געשריבן (מיט'ן אריינפיר פון הרב לאם). איך שטעל מיר פאר אז איר באציט זיך צו The Road Back. ווען האט איר געשריבן דאס בוך?**

2) You know where it is. Right?

3) זע קאפיטל 4 איבער דעם קאמפיין פון Wiliam Buckley ווען ער איז געלאפן אלס מעיאר פון ניו יארק אויפן קאנסערוואטיוון טיקעט.

דאס איז געווען אין די כולל יארן. איך האב געשריבן דעמאלט צוויי ביכער. אינעם בוך וועגן וועלכן דו רעדסט, The Road Back, האב איך געוואלט אוועקשטעלן אן אינטעלעקטועלע פארטיידיגונג לטובת ארטאדאקסישער אידישקייט. ווי געזאגט פריער, האב איך געהאט הרב לאמ׳ס שטיצע און הילף צו דעם פראיעקט, און אזוי האב איך זיך אוועקגעזעצט שרייבן דאס בוך. הרב לאם האט מיר מסדר געווען ביי דער Ktav פאבלישינג קאמפאני אז זיי זאלן אפדרוקן מיין בוך, אבער ווען איך האב זיי געשיקט די ערשטע פאר קאפיטלעך האבן זיי מיר געזאגט אז זיי ווילן עס נישט דרוקן, וויבאלד זיי האבן געהאלטן אז ס׳איז נישטא קיין מארקעט אויף ביכער וואס זענען געצילט פאר בעלי תשובה.

איך געדענק אז איך האב באקומען די נייעס פון זיי זייענדיג אינעם לאווער איסט סייד, האב איך באלד אריבערשפאצירט צו פיליפ פעלדהיימ׳ס ספרים געשעפט, וואס איז געווען די הויפטקווארטיר פון פעלדהיימ׳ס דרוקעריי און ס׳האט זיך אויך




**דאס בוך The Road Back, איינע פון די צוויי ביכער וואס הרב שיללער האט אפגעשריבן אין די כולל יארן**

געפונען אינעם לאווער איסט סייד, נישט ווייט פון Ktav. איך האב אריינשפאצירט אינעם בנין און געטראפן מיסטער פיליפ פעלדהיים, וואס איז געווען א מלחמה איבערלעבער פון דער שטאט וויען. ער איז געזעסן דארט און זיך גערייכערט א ציגאר, און איך בין צוגעגאנגען און אים געזאגט: "איך האב א מאנוסקריפט וואס איך וויל דרוקן, אינעם מאנוסקריפט שטעל איך פאר ארגומענטן פארוואס א מענטש זאל ווערן א בעל תשובה. וואלט איר געקענט באשטיין צו כאפן א בליק אויף דעם?"

מיסטער פעלדהיים האט מסכים געווען עס דורכצוקוקן. אפאר טאג שפעטער האט ער מיך צוריקגערופן און מיר מודיע געווען אז ער וויל עס דרוקן, און אזוי איז מיין בוך צושטאנד געקומען. דאס בוך איז שפעטער איבערגעדרוקט געווארן נאך עטליכע מאל, דאכט זיך אז דריי מאל, מענטשן דערציילן מיר ביז היינט אז ס׳האט אויף זיי עושה רושם געווען, אבער ס׳איז שוין היינט נישטא צו באקומען. פעלדהיים האט זיך געווענדן צו מיר כדי עס איבערצודרוקן נאכאמאל, אבער איך פיל אז היינט וואלט איך אויסגעדרוקט פארשידענע זאכן אנדערש, מיין שניט אין שרייבן טוישט זיך מיט די יארן, און איך האב נישט געהאט קיין חשק עס איבערצודרוקן.

## וואס איז דאס אנדערע בוך וואס איר האט געשריבן?

דאס אנדערע בוך האב איך אויך געשריבן אין יענע יארן, זייענדיג אין סקווערער כולל. דער נאמען פונעם בוך איז The Guilty Conscience of a Conservative. דאס איז א פאליטישע בוך אין וועלכן איך האב קריטיזירט די קאנסערוואטיווע באוועגונג אין אמעריקע אויף דעם וואס זיי האבן זיך אוועקגערוקט פון זייערע יסודות׳דיגע פרינציפן, ווי איך האב עס פארשטאנען. אין דעם בוך האב איך אודאי פרובירט צו ערקלערן וואס גענוי די יסודות׳דיגע פרינציפן דארפן צו זיין.

מיט דעם בוך האב איך געהאט אן ענליכע מעשה צו דעם פריערדיגן. איך האב געשיקט איין קאפיטל, ווי א מוסטער, צו Arlington House Publishers, וואס איז געווען א גרויסע דרוקעריי פאר דער קאנסערוואטיווער פאליטישער באוועגונג אין יענע יארן,

אבער איך האב נישט צוריקגעהערט פון זיי. דו דארפסט פארשטיין אז די אלע מאנוסקריפטן זענען געווען געשריבן מיט דער האנט. קיינער וואלט נישט איבערגעגעבן קיין האנטגעשריבענע מאנוסקריפט צו א דרוקעריי, חוץ פון עפעס א כולל יונגערמאן. איך האב אבער נישט אויפגעגעבן, און ערגעץ אין א חול המועד האב איך באצאלט פאר איינעם פון מיינע חברים אין סקווירא אז ער זאל מיך פירן מיט זיין אויטא צו דער דרוקעריי פון Arlington, וואס האט זיך געפונען אין New Rochelle, און ווען איך בין אנגעקומען אהין האב איך גלייך אריינשפאצירט אינעם בנין. איך האב ארומגעוואנדערט אינעם בנין ביז איך האב געזען א טיר וואו ס'איז געווען אויפגעשריבן: Richard Band, Editor in Chief.

איך האב געקלאפט אין דער טיר, דער הויפט רעדאקטאר האט געעפנט און געפרעגט ווער איך בין. איך האב אים ערקלערט אז איך האב געשיקט א מאנוסקריפט א פאר וואכן צוריק, איך האב נישט באקומען קיין תשובה און איך וויל וויסן וואס ס'איז געווארן. דער רעדאקטאר האט מיך פארבעטן אריינצוקומען און זיך אוועקזעצן. איך האב זיך אוועקגעזעצט און מיר האבן געכאפט א שמועס. דער רעדאקטאר האט אויסגעדרוקט אינטערעס אין דעם וואס איך האב געהאט צו זאגן, און ביים סוף האט ער מיר געזאגט: "גוט, שיק אריין נאך א קאפיטל און לאמיר זען ווי ס'גייט." איך האב אים געשיקט די ווייטערדיגע קאפיטלען און ער האט עס אפגעדרוקט.

איןביידע פאלן האב איך באקומען וואס איך האב געוואלט נאר א דאנק דעם וואס איך האב פארמאגט א זעלבסט-זיכערקייט און חוצפה וואס איך גלייב נישט אז איך וואלט געהאט היינט צוטאגס...

**וואונדערליך צו הערן! ס'קען דינען ווי אן אינספירירונג פאר אנדערע. וואס נאך האט איר געשריבן אויסער דעם?**

נישט דוקא אין יענע יארן, אבער איך האב כסדר געשריבן אין פארשידענע פלעצער.

אגב, עס איז געווען אמאל עמיצער פון הרב ברויער'ס ישיבה וואס האט אפגעשריבן א מאנאגראף (א קונטרס'ל) אין וועלכן ער האט אטאקירט די יעקישע קהילה אויף דעם וואס ס'האט אנגעהויבן ווערן צו שטארק ישיבה'ש. איך האב אפגעשריבן קעגן דעם א מאנאגראף אין וועלכן איך האב אנגענומען א טייל פון זיין קריטיק אבער איך האב ערקלערט אז ער איז לויט מיין מיינונג פארקראכן צו שטארק אויף לינקס, און איך האב פרובירט אוועקצושטעלן אן אלטערנאטיווע ליניע, וויאזוי ס'וואלט געדארפט אויסזען די ריכטיגע "תורה עם דרך ארץ" פון הרב שמשון רפאל הירש.

איך האב במשך די יארן אויך געשריבן מערערע ארטיקלען אין: Jewish Action, Torah U'mada Journal, Tradition, American Enterprise, National Review, און נאך אנדערע.

**איר פלעגט שיקן ארטיקלען צו זשורנאלן אויך אין אייערע כולל יארן אין סקווירא?**

נישט ממש. דאס איז שוין געווען נאכ'ן כולל, נאכ'ן אוועקציען זיך פון סקווירא. די ארטיקלען פון דעמאלט קענען פונקטליך אויסמאלן וואו איך בין געשטאנען אין מיין וועלטקוק אין יענע יארן אלס יונגערמאן.

•••

**איר האט דערמאנט אייער אוועקציען זיך פון סקווירא. ווען איז דאס געווען?**

אין יאנואר 1978, דאס הייסט אכט יאר פון ווען איך בין אריין אין סקווערער ישיבה. איך בין דעמאלט אריבער וואוינען קיין מאנסי וואו איך בין שוין געבליבן ביז היינט.

**דאס הייסט אז איר זענט אין סך הכל נישט געווען אזוי לאנג אין סקווירא?**

פון ווען איך בין למעשה אריין אין דער סקווערער ישיבה איז טאקע נישט געווען אזוי לאנג. מ'דארף אבער רעכענען די יארן פון ווען איך בין געווארן פרום, דאס הייסט פונעם יאר 1964 ביז ארום 1978, א סך הכל פון פערצן יאר וואס איך האב געשעפט פון סקווירא. אין א געוויסן זין בין איך דארט געבוירן געווארן, מיין שייכות מיטן פרומען

לעבן האט זיך אנגעהויבן דארט. ווי קורץ די תקופה זאל נישט האבן געווען, ווארפט עס א ווייטער שאטן אויפ'ן גאנצן לעבן. סקווירא איז שטענדיג פארבליבן א צענטראלער פונקט אין מיין רוחניות'דיגן באגאזש.

**וואס זענען די סיבות וואס האבן אייך געברענגט איבערצולאזן סקווירא?**

איך וועל דיר זאגן. ווען איך קוק צוריק היינט מיט אן ערוואקסענעם בליק, קען זיין אז איך וואלט געקענט בלייבן דארט, ווי איך וועל באלד ערקלערן, אבער אין יענע יארן ווען איך בין געווען יונג, האב איך גענומען ערנסט יעדן פרט אין סיי וועלכער באוועגונג, און ווען ס'האט מיר אויסגעזען אז מ'פארקריכט פון געוויסע פרטים בין איך געווארן אנטוישט. סקווירא האט זיך ווייטער גערוקט, און ס'זעט אויס אז איך האב נישט געקענט אפלאזן די סקווירא וואס איך האב געטראפן.

די זעלבע זאך האט פאסירט ביי מיר אויך מיט דער אמעריקאנער קאנסערוואטיווער באוועגונג. ווען זיי האבן אנגעהויבן פארקריכן האב איך אנגעהויבן זיך פילן אומבאקוועם מיט דעם. דאס איז א הויפט טעמע אין מיין לעבן. זייער א סך מאל הענג איך זיך אן אין עפעס, גלייבנדיג אז יעדער פרט אין דער באוועגונג מוז זיין אן אייביגע און עכטע מציאות, נאר כדי געוואויר צו ווערן אז ס'איז שטארק אפהענגיג פון צייט און ס'קען זיך סוף כל סוף טוישן.

**איז דא עפעס אין דער וועלט וואס איז אומאפהענגיג פון צייט?**

ניין. אודאי נישט. ווען איך וואלט געקענט איבערגיין נאכאמאל מיין לעבן, וואלט איך פארשטאנען אז דער תוכן פון אן אידעע קען זיין אומאפהענגיג פון צייט, אבער די צורות וויאזוי זיי דרוקן זיך אויס קענען זיך טוישן. איך האב עס דעמאלט נישט געכאפט.

**לאמיך פארשטיין בעסער. איך פרעג נישט אלס ניהיליסט, נאר לבירור מילתא. אפשר וואלט ריכטיגער געווען זיך נישט אנצוהענגען אין באוועגונגען בכלל, נאכדעם וואס מיר פארשטייען אז אלעס טוישט זיך מיט דער צייט, און לאמיר זיין אויפריכטיג אז אמאל טוישט זיך נישט בלויז די צורה נאר אויך דער גאנצער תוכן. נישט אזוי?**

איך מיין אז מיר מוזן זיך אנהענגען אין געוויסע אידעען און באוועגונגען, וויבאלד מענטשן דארפן צוקומען איינער צום אנדערן און דאס ווערט נאר אויסגעפירט דורך באוועגונגען. מיר ארבעטן אלע צו פארבעסערן די וועלט, אבער מ'דארף צוגיין צו דעם מיט א רעאליזירונג אז דאס לעבן וועט זיין אנגעפולט מיט פשרות, אומפערפעקטקייטן, א.א.וו.

**אויב מ'דארף זיך שטענדיג מתפשר זיין, דעמאלט וואס דעפינירט די באוועגונג? ס'קוקט אויס ווי ס'וואלט געווען בלויז אן אילוזיע, א דורכגאנג פון איין תקופה צו אן אנדערער.**

ניין! נישט אויף יעדער זאך קען מען זיך מתפשר זיין. ווי געזאגט פריער, די צורות מעגן זיך טוישן, אבער דער עיקר תוך טאר נישט אוועקפאלן. ווען מ'גיט זיך אוועק פאר א באוועגונג, דארף מען קענען אנווייזן אויף דער צענטראלער אידעע וועלכע טאר נישט פארלוירן גיין.

ווי למשל, ארטאדאקסישע אידישקייט קען ביי אונז נישט האבן קיין פשרות. די צורות וויאזוי די זאכן קומען צושטאנד קענען זיין פארשידענע, אבער דער מהות און צענטראלע אידעע דארף בלייבן אומבארירט. די פרינציפן דארפן זיין העכער פון צייט, אומטוישבאר.

וואס שייך סקווירא וואלט איך געזאגט אזוי. מיין וועלט האט אנגעהויבן ווערן ברייטער, בשעת סקווירא האט זיך אנגעהויבן אוועקרוקן ווייטער, און איך בין ממילא מער נישט געווען ביכולת צו בלייבן מיט סקווירא אלס מיין איינציגער יסוד אין לעבן. דאך איז סקווירא שטענדיג פארבליבן א וויכטיגער טייל, מסתמא דער וויכטיגסטער טייל, פון דעם מענטש וואס איך בין, מיט הוספות און השמטות דא און דארט.

# קאפיטל 7:
# אין דער וועלט פון חינוך

**צוריק צו אונזער געשיכטע: ווען איר זענט אנגעקומען קיין סקווירא איז עס געווען דער שפיץ פון אייערע חלומות. וויאזוי האט איר געפילט ווען איר האט זיך אוועקגעצויגן פון סקווירא?**

איך האב אין יענער צייט רעאליזירט אן אנדער חלום אויף וועלכן איך האב געשטרעבט פון די צוועלף יאר אלט. איך בין געווארן א מגיד שיעור פיר חדשים פאר איך האב מיך אוועקצויגן פון סקווירא. דאס האט מיר געגעבן א באנייטע ענערגיע און געשמאק אין לעבן וואס באגלייט מיך ביז היינט.

**וואו זענט איר געגאנגען וואוינען? און וואו זענט איר דעמאלט געווארן מגיד שיעור?**

איך האב מיך אריבערגעצויגן קיין מאנסי און געפארן יעדן טאג קיין קווינס פארלערנען אין ישיבה. ס'איז געווען א מאדערן-ארטאדאקסישע ישיבה מיטן נאמען Yeshiva High School of Queens (אין קורצן: YHSQ), יונגלעך אויף איין שטאק און מיידלעך אויף אן אנדער שטאק. דער מוסד עקזיסטירט שוין נישט היינט.

איך בין ווייטער געבליבן דאווענען אין סקווערער שטיבל אין מאנסי, און מיינע קינדער זענען ווייטער געגאנגען אין סקווערער חדר. איך האב מיך שטארק



הרב שיללער'ס מאמע מיט אירע חסידישע אייניקלעך

אריינגעווארפן אין מיין נייער ארבעט, מיט לייב און לעבן.

**איר פלעגט פארלערנען פאר יונגלעך און מיידלעך?**

נישט אינאיינעם. אבער באזונדער פאר מיידלעך יא.

**וואס האט איר פארגעלערנט?**

מיט די יונגלעך האב איך געלערנט גמרא, חומש, און הלכה. ביי די מיידלעך איז עס געווען א קורס וואס האט געהייסן MDBT (ראשי תיבות פון: משנה, דינים, ביאורי-תפילה). דער קורס האט נישט געהאט קיין שום ספעציפישע אנווייזונגען. אויב דו האסט געלערנט מיט די תלמידות סיי וואס איבער דאווענען און הלכה, אויף סיי וועלכן וועג, איז עס געווען פיין. ס'איז נישט אנגעגאנגען פאר'ן מוסד וויאזוי דאס ווערט דורכגעפירט.

**וויאזוי האט איר באקומען די שטעלע? פארוואס זאל א מאדערנער מוסד וועלן אויפנעמען א חסידישן איד וואס האט זיך שוין געקלאמערט אין חסידות פון דער בר מצוה?**

איך בין קודם אריבער אויף אן אינטערוויו, און זיי האבן מיך געבעטן צוריקצוקומען און געבן א שיעור פאר די תלמידים. דערנאך ווען איך האב גערעדט מיטן פרינציפל איז ער געווען זייער באאיינדרוקט פון דעם וואס איך האב געוואוסט די רעזולטאטן פון די "טשעמפיאנשיפס" פון יעדער גרויסער ליגע, אין פוטבאל, קוישבאָל, האקי, א.א.וו.

פארשטייט זיך, דער שיעור האט געמוזט אויסנעמען גוט ביי אים אין די אויגן, אבער ער האט אויך געדארפט זען אז איך קען מיך אריינפאסן אין זייער וועלט, און דאס איז מסתמא געווען פאר אים גענוג באוויז. דער נאמען פונעם פרינציפל איז געווען הרב דוד כהן ע"ה, ער איז אוועק מיט א יאר צוריק. איך בין אים מכיר טובה אויף דעם וואס ער האט מיר געגעבן דעם ערשטן שאנס אריינצוגיין אין דעם עולם החינוך.

**דאס ווערן א מגיד-שיעור אין א מאדערנעם מוסד, און נישט אין א חסידישן אדער ישיבה'שן מוסד, איז געווען בכוונה? אדער ס'איז פונקט אזוי אויסגעקומען?**

ס'איז געווען בכוונה. איך האב דוקא דאס געזוכט.

**פארוואס?**

פון איין זייט האב איך געהאט דעם חלום פון פארלערנען גמרא. דאס איז די נשמה פון יהדות און איך האב געוואלט אז מיין טעגליכע ארבעט זאל האבן א שייכות מיט דעם. אין דער זעלבער צייט האב איך אבער אויך געוואלט משפיע זיין אין אידישקייט, אין יסודות פון אמונה, הלכה למעשה, א.א.וו. א פאזיציע אין א מאדערנער ישיבה איז געווען דער בעסטער אויסוואל פאר דעם.

**פארוואס? די היימישע ישיבות נויטיגן זיך נישט אין משפיעים און מדריכים אין יהדות?**

די תחומים וואס איך האב געזוכט צו פארריכטן זענען געווען אזעלכע אין וואס די היימישע וועלט האט זיך אויבנאויף נישט געפאדערט. די היימישע וועלט איז מקפיד אויף הלכה, ס'איז דא אן ערנסטע באציאונג צו יהדות, א.א.וו. איך האב געזוכט די סביבה וואו מאדערניזם שאפט א קאמפליצירטן מצב פאר אידישקייט און איך האב געוואלט ברענגען צום טיש א קול וואס דארט איז נישטא.

אין דער זעלבער צייט האב איך אויך געוואלט זיין א מגיד שיעור אין גמרא. א שטעלע אין א מאדערנער ישיבה האט קאמבינירט גענוי וואס איך האב געזוכט.

**דאס הייסט אז די סיבה פארוואס איר זענט געגאנגען אהין איז געווען כדי צו ברענגען אייערע ידיעות צו זיי, מיט א כוונה פון קירוב, און נישט ווייל איר האט געוואלט די אסאציאירונג מיט דער מאדערנער וועלט. שטימט?**

אין מיין פערזענליכער וועלט האט זיך זיכער אנגעהויבן אויסבויען א ברייטערער וועלטקוק, איך האב שוין געהאט באקענט הרב דאנציגער און הרב לאם, אבער די סיבה פאר מיין אויסקלויבן א שטעלע אין א מאדערנער ישיבה איז נישט געווען צוליב דעם. מיין מאטיוו איז נישט געווען ווייל איך האב געקלערט, "איך וויל זיין אין אזא סביבה פון תורה ומדע."

ס'איז אמת אז אין די יארן נאך מיין אנקומען אהין האט זיך אנטוויקלט אזא געשמאק, אבער דאס איז נישט געווען מיין ערשטע מחשבה ביים אנהויב. ווייניגסטנס נישט אין א באוואוסטזיניגן אופן. ס'קען זיין אז הינטערן באוואוסטזיין זענען געווען נאך סיבות.

**ובכן, דאס איז דאס צווייטע מאל אין לעבן וואס איר האט דערגרייכט אייער חלום און לעבנס-וואונטש. ס'שיינט אז איר האט זיך נישט אנטוישט, ווייל איר האלט נאך אן די ארבעט ביזן היינטיגן טאג...**

איך וועל דיר זאגן, פונעם טאג וואס איך האב אריינגעטרעטן אין YHSQ האב איך געפילט אן אויפפרישונג וואס איך קען נישט פארשטעלן מיט ווערטער. איך האב ליב געהאט די תלמידים, זייער לערנען, זייערע אקטיוויטעטן, און אלעס ארום. איך בין געווען יונג, זיי זענען געווען יונג, די וועלט איז געווען יונג, און די גאנצע בריאה האט אויסגעזען יונג און פריש. איך בין געפארן יעדן טאג א שיינע פאר שעה אהין און צוריק, אבער איך האב עס ניטאמאל געפילט. ס'איז מיך נישט אנגעאנגען זיך צו שלעפן דעם גאנצן וועג טאג איין טאג אויס.

לכתחילה האב איך נישט געהאט ווער ס'זאל מיך נעמען אהין, פלעג איך נעמען דעם מאנסי באס קיין מאנהעטן וועלכער פלעגט זיך שטעלן ביי דער 42סטער גאס. דארט האב איך גענומען דעם E אדער דעם F (די סובוועי) ביז צו דער לעצטער סטאנציע פון דער ליניע אין קווינס, אויף 179 סטריט. דארט בין איך ארויס פון דער באן און גענומען דעם באס Q43 ביז 191 סטריט. נאכ'ן ארויסגיין פונעם באס האב איך ארויפשפאצירט דריי גאסן בארג ארויף ביז איך בין אנגעקומען אין ישיבה. דאס איז אלץ געווען ווי ס'שטייט ביי יעקב אבינו, כימים אחדים... ס'איז געווען אזוי זיס, יעדער פרט.

ווען איך טרעף מיך אמאל מיט תלמידים אדער ידידים פון יענער תקופה און מיר

הייבן אן רעדן וועגן זכרונות פון יענע יארן, קענען מיר נישט אויפהערן רעדן, וויבאלד דאס פירט אונז צוריק צו יענע וואונדערליכע יארן.

**איר האט ליב געהאט דאס פלאץ, טראצדעם וואס איר האט געזען אין זיי א שוואכערער כוח אין אידישקייט?**

צו זיין אויפריכטיג, איך בין געווען איבערראשט ווי ווייט דער מצב אין אידישקייט איז געווען נאך שוואכער פון וואס איך האב געמיינט. איך פלעג ליינען זייערע אויסגאבעס, ווי Tradition, קול יבנה, א.ד.ג. און איך האב געמיינט אז איך וועל טרעפן אין די ישיבות א באוועגונג וואס פירט זיך לויט די אידעאלן וואס איך האב געליינט אין די דערמאנטע אויסגאבעס, ווי אויך אין די ספרים פון די מאדערן-ארטאדאקסישע דענקער. איך האב מיר נישט פארגעשטעלט אז דער מציאות איז ווייט פון דעם.

**איך מיין אז דאס איז דער מציאות אין יעדער באוועגונג. אין אונזער וועלט איז נישטא א תהום צווישן די אידעאלן און דער מציאות?**

נישט אזוי ווייט ווי דארט. יעדער האט שוואכקייטן, אבער אונזער עולם לעבט אין אלגעמיין סך נענטער צו די פארגעשריבענע אידעאלן אין פארגלייך צו זיי. יעדער איד אויף מיין גאס גייט מארגן דאווענען שחרית אין שול, יעדער איינער אין מיין געגנט האט א געוויסע שייכות מיט לערנען, יעדער איינער דא איז זייער ערנסט ווען ס'קומט צו כשרות אדער סיי וועלכן ענין אין יהדות, יעדער האט דא ציצית, יעדער גיסט זיך אפ נעגל וואסער. מ'קען עס בכלל נישט פארגלייכן צו זייער וועלט.

למען האמת מוז איך קלארמאכן אז אויך צווישן זיי איז דא א פראצענט וועלכע קען זיך יא פארמעסטן מיט אונזער ערנסטקייט אין אידישקייט. איך רעד אבער וועגן דער דורכשניטליכער נארמע צווישן מאדערן-ארטאדאקסן.

**דאס הייסט אז איר האט אין יענער תקופה געהאט א דאפלטע רעאליזירונג. פון איין זייט האט איר באמערקט אז די מאדערן-ארטאדאקסישע וועלט איז נאך שוואכער אין אידישקייט ווי איר האט זיך געהאט פארגעשטעלט. אבער פון דער אנדערער זייט, האט איר אין דער זעלבער צייט אנטוויקלט א ליבשאפט און משיכה צו זייער וועלט, אויב איך האב ריכטיג פארשטאנען.**

יא, איך האב ליב געהאט מיין ארבעט. דאס איז נישט קיין ספק.

**איך מיין עפעס מער פון דעם. איר האט אודאי הנאה געהאט פון דערפילן אייער לעבנס-וואונטש, אבער איר האט פריער אויך דערמאנט אז איר האט באלד באקומען א געפיל צו דער סביבה גופא. איך שטעל מיר פאר אז דאס הייסט אזוי: איר האט געהאלטן אז זיי דארפן פארבעסערן זייער אידישקייט, אבער איר האט פארט געשעצט זייער שעצונג פאר'ן לעבן. שטימט?**

ס'איז לכאורה ריכטיג וואס דו זאגסט. איך פלעג גיין צו כמעט יעדן איינציגן שפיל אין קוישבאל פון מיינע תלמידים[4]. זיי האבן מיך זייער ליב געהאט פאר דעם.

איך האב בעצם אריינגעבלאזן א חיות אינעם שפילן וואס זיי האבן פריער נישט געהאט. איך פלעג צוזאגן אויסצייכנונג-פינטלעך פאר אינגלעך אדער מיידלעך וועלכע וועלן קומען זען דעם שפיל. אפילו אויב זיי האבן נישט מיטגעשפילט, האב איך זיי געגעבן פינטלעך פאר'ן דארט זיין און פייערליך קוויטשען (cheering אויף ענגליש) פאר זייער טיעם. יעדע זאך וואס האט געהאט צוטון מיט YHSQ בין איך געווען זייער איבערגעגעבן פאר דעם.

**בחורים און מיידלעך האבן געשפילט אין די זעלבע טיעמס?**

ניין. ס'איז געווען באזונדערע טיעמס פאר אינגלעך און באזונדער פאר מיידלעך. די מיידלעך פלעגן נאר קומען קוקן וויאזוי די אינגלעך שפילן. אפילו אין די אלגעמיינע

4) שפעטער וועט הרב שיללער ווערן א 'קאוטש' אין אן אנדער ישיבה (זע ווייטער אינעם שמועס). די ווערט יענע איז אבער נישט וועגן דעם, נאר בלויז פון אן אינטערעסע מיטצוהאלטן די געימס פון די תלמידים.

פראפעסיאנעלע שפילן זענען דא באזונדערע טיעמס פאר מענער און פרויען, וויבאלד די אטלעטישע געבוי איז אנדערש ביי די צוויי מינים, און פרויען וואלטן נישט געהאט די זעלבע אויסזיכטן צו געווינען.

יעצט צוריק צום ענין: אין מיין ערשטן יאר, ווען ס'איז געווען דער ערשטער שפיל אינעם סעזאן און דער טיעם פון YHSQ איז געגאנגען שפילן קעגן אן אנדער ישיבה אין פלעטבוש, האב איך אנגעהויבן פראפאגאנדירן אפאר וואכן פארדעם ביי אונז אין ישיבה. יעדן טאג האב איך ארויסגעהאנגען צעטלעך אויף דער וואנט: "ס'איז שוין צוועלף טעג צו דער געים! עלף טעג צו דער געים!..." דער גאנצער מוסד איז געווארן מיטגעריסן מיטן עקסטאז. צום סוף האבן מיר אנגעפולט פיר אויטאבוסן וועלכע זענען ארויסגעפארן קיין פלעטבוש צום פארמעסט. יעדער האט געוואלט פארן.

געווענליך איז עס אן אומדערהערטע זאך אז אזויפיל סטודענטן זאלן ארויספארן אויף אן away game וואס קומט נישט פאר אינעם אייגענעם סקול[5]. דא האבן זיך אראפגעלאזט א מחנה פון פיר אויטאבוסן. איך שטעל מיר פאר אז דער סקול אין פלעטבוש האט נישט געוואוסט פון וואו דאס האט ארויפגעלאנדעט אויף זיי... למעשה האבן מיר פארלוירן יענעם שפיל, נאר ס'איז פארט געווען א זיסע ערפארונג.

דאך ווען מיר רעדן וועגן דעם אלעמען קומט אריין א גרויסער אבער. ס'איז טאקע אלץ אזוי שיין, אבער דאס אויפכאפן די פרייד פון לעבן אנעם איינבייגן די קניען פאר גאט, איז אזוי ווי זינגען א הערליכן ליד אביסל ארויס פונעם טאָן.

## וואלט נישט אייער פראיעקט, צו פארבעסערן זייער אידישקייט, געווען א סתירה מיט דעם? קען אן ערנסטע יהדות גיין אינאיינעם מיט אזא יונגען לעבנס-פרייד ווי איר שילדערט דא?

מיר קענען דא אריינגיין אין א לאנגען שמועס אין השקפה, און איך האף אז מיר וועלן צוריקקומען צו דעם. אבער אויף דער מינוט לאמיך נאר זאגן אין קורצן אז דאס איז יעדנפאלס געווען מיין ציל, נישט אוועקצונעמען פון זיי דעם געשמאק אין לעבן, נאר אריינצוברענגען גאט אינעם לעבן.

איך געדענק אפט ווען איך פלעג בייוואוינען ווי זיי שפילן מיט א לעבהאפט, האב איך געטראכט צו מיר ווי שיין ס'וואלט געווען ווען מ'וואלט אריינגעברענגט גאט אינעם בילד.

## ווילאנג זענט איר געווען אין YHSQ (ישיבה היי-סקול פון קווינס)?

פיר יאר, פון 1977 ביז 1981. אין 1981 האט זיך די ישיבה פאראייניגט מיט MHHS (מאנהעטן היברו היי-סקול). דאס איז געווען הרב שלמה ריסקינ'ס ישיבה, אין ריווערדעיל, ניו יארק[6]. דו ווילסט מסתמא פרעגן אז ריווערדעיל איז אין בראנקס, נישט אין מאנהעטן, דאך נישט געקוקט ווי גוט די קשיא איז, האט זיך דער נאמען פון דער ישיבה באצויגן צו מאנהעטן. די סברא איז אז זיי האבן געוואלט האבן דעם גלאנץ פון מאנהעטן, וואס איז סמוך ונראה צו ריווערדעיל, נישט געקוקט אויף דעם וואס דער בנין איז פאקטיש געשטאנען אויסער די גרעניצן פון מאנהעטן.

ובכן, די צוויי ישיבות האבן זיך פאראייניגט אונטער איין הנהלה. די אינגלעך זענען אריבער צו א בנין אין Forest Hills, קווינס, זייער בנין האט באקומען דעם נאמען OTI (אור תורה אינסטיטוט), אדער מתיבתא אור תורה, בשעת די מיידלעך זענען געבליבן מיט דעם פריערדיגן נאמען YHSQ. ביי דעם פונקט האב איך איבערגעלאזט די מיידלעך און איך בין געבליבן נאר מיט די אינגלעך. זיי האבן מיר געגעבן דעם אויסוואל.

## דאס הייסט אז מתיבתא אור תורה איז בעצם געווען א המשך פון פריער. ווילאנג האט איר דארט פארגעלערנט?

איך האב דארט פארגעלערנט פון 1981 ביז 1987, זעקס יאר אין סך הכל. נאכדעם האט זיך דער מוסד געהאלטן ביים פארמאכן און איך האב געדארפט אריבערגיין צו אן אנדער פלאץ.

5) שפראך הערה: א home game איז א שפיל וואס קומט פאר אינעם אייגענעם סקול, און ווען ס'איז אין דער פרעמד הייסט דאס אינעם ספארט-לשון אן away game.

6) הרב ריסקין איז היינט צוטאגס רב פון דער שטאט אפרת, אין ארץ ישראל.



מיט א תלמיד אין מתיבתא אור תורה, פאר'ן שפילן פוסבאל (soccer)

## האט איר מצליח געווען דורכצופירן אייער שאיפה, אריינצוברענגען א מער הלכה'דיגע אידישקייט צווישן די מאדערנע תלמידים?

אין די ערשטע יארן נאר מיט יחידים, אבער ווען YHSQ האט זיך געענדיגט אין 1981 און מיר זענען אריבער צו OTI, האב איך געזען מער מעגליכקייטן פאר דעם. די בחורים דארט זענען געווען מער ערנסט, און איך האב אנגעהויבן טראכטן אז דא קען מען אמת'דיג אויפבויען א מאדערן-ארטאדאקסישע ישיבה לויט די אידעאלן פון תורה עם דרך ארץ, ארויסצוגעבן בחורים וועלכע זוכן צו פארשטיין און משלב זיין תורה ומדע. אין יענע יארן האב איך שטארק געצילט דאס צו דערגרייכן.

מיין בליק איבער דער מאדערנער וועלט האט זיך פארבעסערט אין יענע יארן, און איך מיין אז אויך דער קשר מיט מיינע תלמידים איז געווען שטערקער און מער ספעציעל אין די יארן וואס איך בין געווען אין OTI. איך בין דעמאלט אנגעקומען די נאנטסטע צו מיין וויזיע, צו האבן א פערפעקטע הלכה'דיגע מאדערנע סביבה, מער ווי אין די אנדערע מוסדות וואו איך האב געארבעט פריער אדער שפעטער.

דאס דאווענען און לערנען, די שבתים, פורים, חנוכה, א.א.וו. האט מען געפראוועט אין ישיבה מיט א שטארקער משמעות און ערנסטקייט. דארט האב איך געפילט א הצלחה אין א געוויסן זין. ס'האט געשטארקט מיין אמונה אז מ'קען דאס באווייזן אויף א גרעסערן פארנעם.



הרב שיללער זאגט א שמועס נאכ'ן דאווענען פאר די תלמידים אין מתיבתא אור תורה, קווינס, 1986.

## וואו זענט איר געגאנגען אין 1987 ווען אור תורה האט זיך געהאלטן ביים פארמאכן?

איך האב מיך שוין געקענט פון פריער מיט הרב לאם, דער נשיא פון אלע מוסדות אין YU, און ער האט מיך אויפגענומען אלס מגיד שיעור אין זייער ישיבה היי-סקול. דער אומאפיציעלער נאמען פון דער ישיבה איז MTA (מאנהעטן תלמודישע אקאדעמיע), און דער אפיציעלער נאמען איז Yeshiva University High School for Boys, וועלכער ווערט געניצט מיטן ראשי תיבות YUHSB.

א קליינע היסטארישע הערה: די סיבה צו די צוויי באזונדערע נעמען איז ווי פאלגנד. מיט יארן צוריק איז געווען אויך א היי-סקול אין ברוקלין פאר אינגלעך וועלכע האט געהייסן BTA (ברוקלין תלמודישע אקאדעמיע), און דערפאר האט די ישיבה אין מאנהעטן זיך גערופן MTA כדי צו דינען אלס אונטערשייד פון ברוקלין[7]. למעשה האט זיך די ברוקלינער ישיבה צוגעשפארט אין 1981, היות ברוקלין איז געווארן ווייניגער

7) ביידע ישיבות זענען געווען אונטער דער זעלבער הנהלה פון YU.



הרב שיללער מיט די תלמידים פון זיין שיעור אין MTA (פונעם יאר 1989-1990)

מאדערן-ארטאדאקס, און ס'איז געבליבן נאר MTA אין מאנהעטן. די צוויי נעמען באגלייטן ווייטער די ישיבה אין מאנהעטן ביז היינט.

**אין MTA לערנט איר ווייטער פאר גמרא?**

יא. במשך די יארן איז מיר אויסגעקומען פארצולערנען פאר בחורים אין פארשידענע יאר-גענג, פון די יונגסטע 14 יעריגע, ביז די עלטסטע אכצן יעריגע.

**האט איר דא ווייטער געקענט ממשיך זיין אינעם שניט וואס איר האט געהאט פריער אין OTI, אויסצושטעלן דעם רוחניות'דיגן וועלטקוק פון די תלמידים לויט אייער וויזיע?**

אין OTI האב איך פרובירט צו האבן אן איינפלוס אויפ'ן גאנצן מוסד, אבער אין MTA האב איך אודאי געוואוסט אז דאס איז נישט שייך. דא האנדלט זיך פון א ריזיגער מוסד, פון פילע הונדערטער תלמידים, און איך האב מיר נישט איינגערעדט אז איך וועל קענען עפעס דערגרייכן אויפ'ן פארנעם פון OTI. איך האב מער נישט געהאט די גלאבאלע שאיפות פון איבערמאכן א מוסד, נאר איך פרוביר פון מיין זייט זיך אוועקצוגעבן פאר יעדן תלמיד וואס קומט אן אין מיינע שיעורים.

**און דארט זענט איר נאך ביז היינט?**

יא, איך בין כמעט דער לענגסטער מגיד שיעור דארט. 41 יאר אין סך הכל א מגיד-שיעור אין דער מאדערן-ארטאדאקסישער וועלט.

# קאפיטל 8:
# מיט תלמידים אויפ'ן ספארטס-פעלד

**אינעם פילם A Life Apart זעט מען אייך אלס א האקי קאוטש אין א מאדערנער ישיבה. קענט איר עפעס דערציילן וועגן אייער קאריערע אין דעם תחום?**

זייענדיג א מגיד שיעור אין קווינס האט מען מיך גערופן פון ישיבת רַמַ"ז[8] (Ramaz School) אז איך זאל קומען אנפירן דעם דארטיגן האקי טיעם. די Yeshiva Hockey League האט זיך דעמאלט פארמירט צום ערשטן מאל, און רַמַ"ז האט געוואלט אז איך זאל ווערן דער קאוטש ביי זיי[9]. אזוי האט

8) אויפ'ן נאמען פון ר' משה זבולון מרגליות, דער רב פון קהלת ישורון אין מאנהעטן, וואס איז געווען א זיידע פונעם מייסד פון דער רמ"ז ישיבה, ר' יוסף לוקשטיין.

9) א קורצער הסבר פאר'ן היימישן ליינער: אין די מאדערנע מוסדות, פונקט ווי אין די אלגעמיינע אמעריקאנער שולעס, איז איינגעפירט אז יעדער מוסד האט זיך אן אייגענעם טיעם אין ספארטס. (דאס קען זיין אין פארשידענע תחומים פון ספארטס, ווי קיישבאל, האקי, פוסבאל, א.ד.ג. הרב שיללער רעדט וועגן דעם טיעם אין האקי.) אינעם טיעם קען נישט אריינגיין אבי ווער, נאר די וואס זענען אויסגעצייכנטע שפילער. דער וואס קלייבט אויס די שפילער און טרענירט זיי צו זיין גרייט צום פארמעסט קעגן די טיעמס פון אנדערע שולעס איז דער קאוטש.

די שולעס וועלכע ווילן שפילן איינער קעגן דעם אנדערן שליסן זיך אן אין א פאראייניגטער ליגע (league), און דערנאך שפילן זיי איינער קעגן אנדערן במשך דעם גאנצן זמן (דער זמן, אדער season, ציט זיך פונעם אנהייב סקול-יאר ביז ארום פרילינג צייט). צוביסלעך פאלן ארויס איין טיעם נאכ'ן אנדערן, און ס'בלייבן איבער די לעצטע צוויי וואס האבן נאכנישט פארלוירן. דעמאלט שפילן זיי איינער קעגן צווייטן דעם לעצטן שפיל, אינעם ספארט-לשון הייסט דאס דער פארמעסט אויף championship. ס'איז איבעריג צו זאגן אז די אנגעצויגנקייט ביי ביידע טיעמס איז זייער הויך ביים לעצטן שפיל, ווייסנדיג אז מ'האט שוין דערגרייכט כמעט צום שפיץ און מ'איז נאר איין טריט ווייט פון זיין די העכסטע געווינער (champions). ביי דעם לעצטן שפיל קומען טויזנטער מענטשן בייוואוינען דעם שפיל.

זיך אנגעהויבן מיין אקטיוויטעט אלס א קאוטש.

**וויאזוי זענען זיי אנגעקומען צו אייך? פארוואס זאלן זיי אייך נעמען ווען איר זענט קיינמאל פריער נישט געווען קיין קאוטש?**

ס'זענען געווען סטודענטן אין רַמַ"ז וועלכע האבן זיך געקענט מיט מיינע תלמידים פונעם היי-סקול אין קווינס, און זיי האבן געהערט אז איך בין א חסיד וואס קען שפילן און פארשטייט ספארטס. דער געדאנק איז מסתמא געפאלן פאר די סטודענטן אין רַמַ"ז, האבן זיי געבעטן די הנהלה אז מ'זאל מיך אויפנעמען אלס זייער קאוטש. ובכן, בין איך אריבער אויף אן אינטערוויו און דערנאך האבן זיי מיך אויפגענומען. נאך צוויי יאר האב איך אפגעלאזט די קאוטשינג.

**פארוואס האט איר עס אפגעלאזט?**

א סך מאל אין מיין קאריערע האב איך געפילט ווי איך וויל מיך אוועקגעבן אינגאנצן פאר די תלמידים אלס מגיד שיעור. איך האב הנאה געהאט פון דער ארבעט אלס קאוטש, אבער איך האב געהאלטן אז איך האב שוין יוצא געווען מיט דעם לעת עתה.

**וואס איז געווארן נאכדעם מיט אייער קאריערע אלס קאוטש?**

א פאר יאר נאכ'ן אפלאזן די קאוטשינג, האב איך ווידער אנגענומען די ראלע פון קאוטשינג אין MTA אויף א תקופה פון דריי יאר. אינעם לעצטן יאר האבן מיר געוואונען די טשעמפיאנשאפט. נאכדעם האב איך אפגעלאזט דעם תחום פון קאוטשינג אויף אפאר יאר און ווידער צוריקגעקומען אין 1990 אלס קאוטש אין MTA ביז 1995. דעמאלט האבן מיר געוואונען טשעמפיאַנשאַפט פינף מאל נאכאנאנד.

דערנאך האב איך צום לעצטן מאל איבערגעלאזט דעם תחום פון קאוטשינג.

**וואס איז געווען די סיבה פאר'ן אפלאזן די ארבעט פון קאוטשינג ביים צווייטן און דריטן מאל?**

אלעמאל די זעלבע סיבה. איך האב מיך געוואלט קענען אוועקגעבן אינגאנצן פאר די תלמידים ביים לערנען, אבער פון דער אנדערער זייט האב איך געפילט אן אינערליכן רוף זיך ארויסצולאזן פונדאסניי איינצונעמען דעם בארג, א רוף וואס האט פון מיר געפאדערט ארויסצוגיין נאכאמאל אויפ'ן ספארטס-פעלד מיט די תלמידים



נאכ'ן געווינען טשעמפיאנשאפט צום פינפטן מאל אין א צו, אינעם יאר 1995. די שמחה איז גרויס, בחורים פונעם טיעם הייבן אויף פינף פינגער צו צייגן אויפ'ן פינפטן געווינס.

און באזיגן אלע קעגנער. ס'איז אזוי ווי דער ארטיסט וואס פילט א דראנג צו מאלן, אדער דער קאמפאזיטאר וואס עפעס טרייבט אים צום ליד. איך מיין אז דאס איז געווען מיין פארעם פון קונסט. נאכן דריטן מאל האב איך געפילט אז איך האב געטון וואס איך האב געדארפט טון, מיר האבן שוין געווינען א רייע פון טשעמפיאנשאפט איינס נאכן אנדערן, און ס'איז צייט צו גיין ווייטער.

## וואו איז געווען דער שפיל וואס איז אפגעכאפט געווארן אינעם פילם A Life Apart? וואו האט איר דעמאלט געקאוטשט?

דאס איז געווען אינעם 1993-1994 סעזאן, ווען איך בין געווען אין MTA. ס'איז געווען א געווענליכער שפיל אינמיטן דעם סעזאן, שפילנדיג קעגן Hillel, א ספרד'ישע ישיבה פון דיעל, ניו דזשערסי.

ווען דער שטאב פונעם פילם האט געוואלט קומען אפכאפן דעם שפיל האבן מיר זיך געזען פאר א פראבלעם, וויבאלד ביי YU איז יעדער קליינער ענין א לאנגע לענגלע פראצעדור. צו באקומען רשות אויף אריינצולאזן א פילם-שטאב אינעם בנין פונעם היי-סקול וואלט געווען זייער א קאמפליצירטע זאך דורכצופירן, און ס'וואלט זיך געקענט שלעפן וואכן און חדשים. ובכן האבן מיר געטראפן א גרינגען וועג ארויס.

מיר זענען זיך צוזאמגעקומען צום שפיל ביינאכט, ווען דער בנין איז סיי ווי נישט איבריג פארנומען, און איך האב געהייסן איינעם פון די בחורים אז ער זאל גיין עפענען א זייטיגן טירל. דער גאנצער פילם-שטאב האט זיך אריינגעכאפט דורך יענעם טירל, די גרופע מענטשן מיט זייער גאנצן געצייג, און מיט דעם האבן מיר אויסגעמיטן א לאנגע פארצווייגטע פלאנטערניש.

## א שיין שטיקל אקציע! זיי האבן זיך שפעטער דערוואוסט וועגן דעם?

איך שטעל מיר פאר אז נישט. אפילו אויב זיי האבן געהערט אדער געזען דעם פילם שפעטער האבן זיי לכאורה נישט צוזאמגעשטעלט דאס בילד.

אן אנדערע אקציע דערמאנט זיך מיר פון די יארן אין רַמַ"ז. דאס איז געווען אינעם Memorial Day Weekend, אין יאר 1981. איך האב צוזאמגערופן די שפילער פון מיין טיעם אויף זונטאג און מאנטאג צו פראקטיצירן דעם שפיל, אבער ווען מיר זענען אנגעקומען אין סקול האבן מיר געטראפן דעם טויער פארשפארט. ס'איז געווען א וואקאציע צייט, קיין סקול איז נישטא דעמאלט, און זיי האבן פארגעסן אפן צו לאזן דעם טויער פאר אונז.

די בחורים זענען געווען פארלוירן וואס מ'זועט קענען טון, אבער איך האב זיי געזאגט פעסט: "מיר גייען דא פראקטיצירן היינט. איך ווייס נישט דערווייל וויאזוי, אבער מיר גייען היינט שפילן." מיר האבן געקוקט אין יעדער מעגליכער זייט, געזוכט פענסטערס פון אלע ווינקלען, אבער מיר האבן נישט געטראפן קיין שום מעגליכן אריינגאנג.

פארנט פונעם בנין איז געווען אויף דער ערד מעטאלענע גראטעס, ווי מ'זעט עס אפט אין שטאט אויף דער גאס. נישט זעענדיג קיין אנדערן וועג אריין האב איך געזאגט פאר מיין טיעם: "היות די גראטעס געפינען זיך נעבן בנין, קענען מיר אפשר טרעפן א וועג אריין דורך זיי." די סטודענטן האבן גע'טענה'ט אז ס'איז אכט-ניין פיס טיף און ס'איז נישט מעגליך אראפצוקריכן אהין. איך האב אבער פארגעשלאגן אז מ'זאל קודם אראפלאזן איינעם פון דער גרופע מיט א האקי שטעקן, און ער זאל אונז מודיע זיין וואס ער זעט דארט אונטן.

קודם האבן מיר געדארפט אויפהייבן די שווערע גראטעס, אויף וועלכע דריי-פיר בחורים האבן צוזאמען געארבעט. נאכדעם האבן מיר גענומען א קליין-געוואוקסיגן בחור'ל און מיר האבן אים אראפגעלאזט מיטן האקי שטעקן. ווען ער איז אנגעקומען אונטן האבן מיר אים געפרעגט וואס ער זעט, און ער האט אונז געזאגט אז ער זעט א פענסטער אבער ס'איז פארשטעלט מיט א שטיקל האלץ. "גיב עס א שטויס," האב איך געזאגט. דער בחור האט געגעבן א געזונטן שטויס און דאס האלץ איז זיך צעפאלן. "וואס זעסטו יעצט?" האבן מיר געפרעגט פון אויבן. "ראביי," האט יענער געענטפערט, "איך זע אונזער locker room פונעם gym..."

"גוט," האב איך געזאגט, "יעצט קריך אריין פונעם פענסטער, נאכדעם גיי ארויף און עפן די טיר פאר אונז." דער בחור האט אזוי געטון, מיר זענען אלע אריין

און פראקטיצירט ווילאנג מיר האבן גערארפט. ווען מיר זענען אריין האבן אלע סטודענטן שטארק געלאכט, מ'האט זיך געוויצלט און געהאט סחורה פון וואס צו לאכן. איך האב דעמאלט געפרעגט איינעם פון די סטודענטן, א זיסער בחור וואס זיין טאטע איז געווען א מיטגלידער אינעם וועד ההנהלה פון דער ישיבה: "בענדזשאמין, וואס טראכסטו וועגן דעם אלעמען?" "איך מיין," האט דער בחור געזאגט, "אז רַמַ"ז זאל בעסער אפשאצן זייער זיכערהייט סיסטעם..."



מיטן האקי טיעם אין רַמַ"ז פונעם יאר 1980-1981. דער טיעם וואס האט זיך איינגעבראכן אינעם בנין

## מ'דארף קוראזש פאר אזא אקציע...

איך בין געווען יונג. איך בין נאכנישט געווען דרייסיג יאר אלט. איך בין געווען דעמאלט ניין און צוואנציג.

די מעשה איז אייגנטליך פארבליבן א לעגענדע אין רַמַ"ז ביז היינט. איך האב מיט א פאר חדשים צוריק פונקט באזוכט דאס פלאץ, ווייל איך האב גערארפט זיך טרעפן מיט איינעם פון די אנגעשטעלטע אין דער ישיבה דארטן, און איך האב געוואלט זען וואס ס'טוט זיך היינט מיט יענער גראטע. האב איך געזען אז די גראטע געפינט זיך נאך דארט וואו ס'איז פריער געווען, אבער דאס פענסטער איז פארדעקט מיט צעמענט. עמיצער האט ווייזט אויס געזארגט אז ס'זאל נישט קענען נאכאמאל געשען.

**האט איר כאטש אויפגעטון אז מ'האט פארבעסערט דארט די זיכערהייט...**

**צום שלוס פון דער טעמע וועל איך פרעגן נאך איין פראגע. וואס האט 'קאוטשינג' געמיינט פאר אייך?**

זיך צו טיילן מיט פריידן און ליידן מיט אנדערע. דאס איז אן ערפארונג וואס מ'קען



יארן שפעטער, הרב שיללער איז מסדר קידושין ביי דעם "קעפטעין" פון יענעם טיעם

נישט שילדערן. מ'מוטשעט זיך אינאיינעם מ'פלאגט זיך אינאיינעם, און דערנאך קומט מען אן צו א פונקט וואו מ'טיילט זיך מיט דער שמחה אדער פארקערט. דער גאנצער דורכגאנג פאראייניגט די הערצער און ס'שאפט א ברודערשאפט צווישן די שפילער.

לעצטן זומער האבן מיר געהאט א ווידער-פאראייניגונג מיט די שפילער פונעם טיעם וועלכע האבן געשפילט אין 1992-1993. ס'איז אריבער 25 יאר פון דעמאלט, א סך האבן זיך נישט געזען איינער דעם אנדערן במשך די אלע יארן, און דאס צוזאמטרעפן זיך יארן שפעטער איז געווען אן אויסערגעווענליכע זאך. דער וואס האט ארגאניזירט דעם באגעגעניש האט שוין היינט אייגענע קינדער אין הייַ-סקול.

ס'איז געווען דארט צוגעשטעלט א שיינע בארביקיו, זיי האבן אנגעצונדן א פילם וואו

מ'האט געזען די הויכפונקטן פונעם סעזאן, און מ'יר האבן געפילט ווי מ'יר פליען צוריק מיט א פינף און צוואנציג יאר. צווישן זיי זענען געווען אזעלכע וואס זענען היינט זייער רייך, אבער בשעת זיי זענען אהינגעקומען צו דעם באגעגעניש זענען זיי צוריק געווארן די דורכשניטליכע שפילער פונעם טיעם. ס'איז ווי גלייך מ'יר וואלטן צוריקגעפארן אין צייט, און יעדער איינער ווייסט זיך זיין פלאץ און זיין ראלע אינעם טיעם. איינער פון זיי האט געהאט א שאָפער וואס האט אים אפגעווארט אינדרויסן די גאנצע צייט, ער האט געקענט זיין זייער גרויס ביי זיך ווי נאר ער איז ארויס פון דארט, אבער ער האט נישט געפילט אזוי בשעת דעם באגעגעניש.

ספארטס איז א מורא'דיגע מתנה פונעם באשעפער צו דער מענטשהייט, ווי ס'איז די גאנצע בריאה אין אלגעמיין, און ווען ס'ווערט אויפגענומען מיט הכרת הטוב איז עס א וועג וויאזוי צו קומען נענטער צום כביכול.

**וואס איז דער סוד צו קענען באקומען אזא גונסטיגן בליק אויף דער בריאה? איז דא א פארמולע אויף דעם?**

ס'איז געבויט אויף די אלגעמיינע באציאונגען וואס דער מענטש האט מיט גאט. לויט ווי ווייט מ'יר זענען איבערגעגעבן פאר תורה, עבודה און גמילות חסדים, אזוי ווייט קענען מ'יר דערקענען דעם ריבונו של עולם אין זיין אוניווערס.

# קאפיטל 9:
# וויאזוי דארף אויסזען דאס לעבן פון א איד?

**אייער ביאגראפיע איז זייער באררייכנד און פילפארביג פון פארשידענע שטאנדפונקטן. איר האט באקענט אן א שיעור מענטשליכע וועלטן, אידישע און נישט-אידישע צוגלייך. איר האט געזוכט אריינצובריינגען אין דער מאדערן-ארטאדאקסישער וועלט אן אוצר וואס איר האט געטראפן אין דער היימישער וועלט. נאך דעם אלעמען בין איך נייגעריג, וואס האט איר צו זאגן פאר אונז אין דער חסידישער וועלט? איז דא עפעס וואס איר קענט אונז צוגעבן פון אייער רייכן פערספעקטיוו?**

דאס וואלט געפאדערט א גאנצער שמועס פאר זיך... עוד חזון למועד.

**איך וועל ווארטן אויף א געלעגנהייט צו האבן א לענגערן שמועס איבער דעם. אבער אפשר קענט איר כאטש מציע זיין אין קורצן אן איבערבליק אויף די נושאים וואס איר וואלט באהאנדלט אין אזא שמועס?**

מיין יסודות'דיגע הנחה איז אז מ'קען אלעס פארשטיין אין טערמינען פון התגלות און בריאה. התגלות איז מתן תורה, און בריאה איז בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ. דורך דער תורה האט אונז דער אויבערשטער אנטדעקט דעם מהות פון עקזיסטענץ, און דאס איז די וויכטיגסטע זאך וואס מ'יר קענען נאר משיג זיין. דער אויבערשטער האט אבער אויך באשאפן שמים וארץ און אלעס וואס דאס שליסט איין. דאס מיינט אז דאס האט אויך גאר א טיפן און וויכטיגן באדייט. אט די צוויי נקודות, התגלות און בריאה, זענען יסודות הדת פון וואו אלעס אנדערש קומט ארויס.

**וואס איז די ראלע פון דעם איד?**

"ממלכת כהנים וגוי קדוש." אדער, ווי דער ספורנו איז מסביר דעם פסוק אז דער תפקיד פון א איד איז צו דינען דעם אויבערשטן, ווי אברהם אבינו האט געטון ביים אנהויב פון זיין שליחות דורכ'ן פארשפרייטן געטליכקייט צווישן מענטשן. "דאס הייסט א קעניגרייך פון כהנים, ווייל ס'איז דער אחריות פון כהנים צו לערנען מיט מענטשן." ענליך זאגט דער נביא ישעיהו אז מ'יר ווערן גערופן "כהני ה'" און "משרתי אלוקינו."









**הרב שיללער מיט זיין זון ביים כותל המערבי**

## וויאזוי דארף מען עס טון?

הרב שמשון רפאל הירש ז"ל טייטשט דעם פסוק אז דורך "ווערטער וואס מ'רופט אויס צו אנדערע, און דורך דעם וועג וויאזוי איר לעבט, דארפט איר צעשפרייטן ידיעת ה' און פאלגזאמקייט צו אים." לויט הרב הירש, איז דער "גוי קדוש" געהייליגט דורך דעם וואס ער גייט נאך דעם "אבסאלוטן פרינציפ פון גאט'ס מאראלישן געזעץ." מאראלישע געזעצן מיינט דער מוסר און התנהגות פון מענטש צו מענטש. דאס הייסט אין אנדערע ווערטער אז אן א מאראלישע התנהגות אין בין אדם לחברו איז נישט שייך צו ווערן אנגערופן א קדוש. דאס שטימט מיטן דערמאנטן ספורנו אז דער יסוד פון מתן תורה איז "להורות לכל המין האנושי לקרוא כולם בשם ה'," צו ווייזן דעם וועג פון געטליכקייט פאר'ן גאנצן מענטשליכן מין.

פראקטיש גערעדט מיינט דאס אז א איד דארף זיך אויפפירן מיט ערליכקייט, יושר, און גוטהארציגן חסד צו יעדן מענטש, און אויך צו בעלי-חיים אין דעם עקאלאגישן סטרוקטור, ווי ס'שטייט "ורחמיו על כל מעשיו." דאס מיינט אויך די פשוט'ע מאנירן פון זאגן "ביטע" און "א דאנק," אזוי ווי די פריינטליכע באגריסונג וואס רבי יוחנן בן זכאי האט ארויסגעוויזן צו יעדן מענטש; פיינקייט און איידלקייט ווען מען דרייווט אויפ'ן שאסיי אדער ווען מען שטייט ערגעץ אין דער רייע; און אויסצולערנען אונזערע קינדער צו זארגן און סימפאטיזירן מיט אלע פון דעם אויבערשטנ'ס בריאים.

דאס מיינט אביסל ארויסגיין פון דעם וועג וויאזוי מיר זעען זיך ווי א גרופע - א גע'רודפ'ט פאלק אין אומענדליכע מלחמות מיט אנדערע. טראכט אריין: וואס וואלט א גוטהארציגער כהן געטון אין אזא סיטואציע? אונזערע היינטיגע אינטעראקציעס מיט אנדערע טראגן א פנים ווי א לעבנס-געראנגל אויף עקזיסטענץ און מאכט, ווי גלייך עמיצער וואלט אונז געוואלט איינשלינגען. ס'איז זייער ווייטאגליך צו זען אז אזויפיל מיליאנען שעות אין אונזערע מוסדות קענען נישט ארויסברענגען פשוט'ע מענטשליכקייט אין אזויפיל אספעקטן פון לעבן. איך רעד נישט דא פון אן אמת'ן מיטגעפיל אינעם זין פון "עולם חסד יבנה," נאר פשוט פון א רואיגער און גוטהארציגער אנשטענדיגקייט.

מיינע ווערטער באציען זיך צו דעם לייכטזיניגן שעלטן פון גוים אין שמועסן און אפילו אין אונזער חינוך, אדער די כעס'יגע שלאכטן וועגן שולע-בודזשעטס און זאונינג. מיר דארפן זיך איבערמאכן ווי מענטשן וועלכע זארגן פאר אנדערע און עס גייט זיי אן די וואוילזיין פון גאט'ס שאפונג און באשעפענישן.

## אין דעם פובליק פארום דארף מען אויך ערגעץ א שינוי?

יא, מיר זענען געניגט צו זען די וועלט פון פאליטיק בלויז ווי א געצייג פאר אונזערע מטרות, צום ביישפיל, שטיצע פאר מדינת ישראל אדער פינאנציעלע און זאונינג הילף. לאמיר אננעמען אז דאס אלעס איז וויכטיג, אבער איז דאס די "איינציגע" זאך וואס דארף אונז אנגיין? פארוואס גייט אונז נישט אן דער גרויסער מאראלישער קריזיס פון אונזערע צייטן? זענען זיי נישט ווייניגסטנס אזוי וויכטיג? דער קאשויער רב ז"ל און רבי אביגדור מיללער ז"ל האבן זיכער אזוי געהאלטן. מ'וואלט געקענט דעבאטירן וואס ס'איז וויכטיגער פון וואס, אבער דאס איז זיכער אז אונזער שטימע אויף מאראלישע נושאים דארף דערהערט ווערן, אבער דערווייל הערט מען גארנישט.

**אלס א מענטש וואס איז אייביג געווען שטארק אינטערעסירט אין פאליטיק, האלט איר אז עס איז א מעלה אז א**

### סך פון אונזערע יונגעלייט זענען אריינגעטון אין דער אמעריקאנער פאליטיק?

איך וויל קלאר מאכן אז איך האב כמעט זערא אינטערעס אין דעם וואס רופט זיך היינט "פאליטיק" - די ברוטאלע און נארישע ארענע וועלכע פאסצינירט טייל מאל די היימישע וועלט. פאליטיק, ווי איך זע עס, מיינט צו טרעפן דעם ריכטיגן וועג פאר דער נשמה פונעם יחיד, און דאס וועט זיך שוין ממילא אויסדרוקן מיט דער צייט אין דער ברייטער ארענע, אז דער ציבור זאל ווערן אויסגעשטעלט אויפ'ן ריכטיגן וועג.

אין אנדערע ווערטער, אויב די אבני היסוד פון דער געזעלשאפט, ווי משפחה, שולעס, קירכעס, אונטערהאלטונג, קונסט, א.א.וו. זענען אויסגעשטעלט אויף א געזונטן אופן, אין איינקלאנג מיט די חוקי המוסר פון גאט, דעמאלט וועט זיך עס אפשפיגלען אין אלע אנדערע אספעקטן פון דער געזעלשאפט. אבער אויב טויג נישט דארט, וועלן צווינגענדע געזעצן נישט העלפן.

ווען מ'רעדט וועגן עקאנאמישער הילף פון דער רעגירונג איז עס ווידער די זעלבע זאך. ארנטליכע מענטשן וועלכע האבן מורא שמים און זיי ארבעטן שווער פאר זייער פרנסה, ווי ס'איז אמאל געווען די נארמע אין אמעריקע, קענען אמאל דארפן עמוירדזשענסי רעגירונג הילף. אבער היינט, צוליב דיספונקציע אין די יסודות'דיגע אינסטיטוציעס פון געזעלשאפטליכן סדר, איז "וועלפעיריזם" געווארן פאר מערערע מענטשן דער אפיציעלער וועג צו לעבן.

דא דארף איך דערמאנען אווארט פון אנטאָניאָ גראמשי (Antonio Gramsci), אן איטאליענישער נעאָ-מארקסיסטישער דענקער פון די בראשית יארן אינעם צוואנציגסטן יאר-הונדערט, וועלכער האט געגלייבט אז קאמוניזם וועט קענען מצליח זיין נאר נאכדעם וואס די יסודות'דיגע אינסטיטוציעס פון דער געזעלשאפט (די שולעס, טעאטערס, די קונסט, א.א.וו.) וועלן אויסלערנען וואס דאס מיינט צו זיין א געמיינדע אין וועלכער מענטשן טראכטן נישט פון זיך. אין אנדערע ווערטער, מ'דארף קודם כל אריינגיסן די נשמה פון מארקסיזם אין דער געזעלשאפט, ווייל אן דעם וועט דער קערפער פון קאמוניזם ווערן קארופטירט.



וראה בנים לבניך: הרב שיללער מיט זון און אייניקלעך ביי א באזון אין טבריא

היות אז סאוויעט-רוסלאנד האט נישט אזוי געטון, האט ער עס שוין דעמאלט געהאלטן ווי א דורכפאל.

יעצט, איך בין נישט קיין מארקסיסט, פארשטייט זיך, אבער איך מיין אז גראמשי'ס הבנה וויאזוי מ'דארף ברענגען א טויש אין דער געזעלשאפט איז זייער ריכטיג. לאמיר געבן א ביישפיל אינעם נושא פון וועלכן מיר רעדן. ווען איך בין געווען א אינגל איז געווען איינגעפירט אין די ניו יארקער פובליק שולעס צו דאווענען אויף א רעגולערן אופן, אין א נייטראלן נוסח וואס איז נישט פארגעשריבן דורך סיי וועלכער רעליגיעזער גרופע, אבער ארום דער צייט פון די אנהייב זעכציגער יארן איז עס דערקלערט געווארן דורכ'ן סופרים קאורט ווי אן אומקאנסטיטוציאנעלע זאך. מיר רעדן דא וועגן עפעס וואס איז געטון געווארן דורך אלע גרופעס אין אמעריקע נאך פון די ימי בראשית איידער דער רעוואלוציאנערער מלחמה, דער סופרים קאורט האט עטליכע מאל גע'פסק'עט אז דאס איז אויסגעהאלטן לכל הדעות, איז וויאזוי איז דאס פלוצלונג פארוואנדלט געווארן אין א שלעכטער זאך? האט עס געהאט צוטון מיט וועלכן קאנדידאט מ'האט אויסגעקליבן אין די וואלן? אדער האט עס געהאט צוטון מיט דעם וואס די אוניווערזיטעטן, די קירכעס, און די פרעסע זענען פארכאפט געווארן דורך סעקולערע כוחות וועלכע האבן פארשטאנען וואו די אמת'ע מלחמה דארף געקעמפט ווערן?

מיט איין ווארט, בשעת מיר רעדן צו דער געזעלשאפט איבער די חוקי המוסר פון גאט,



**ר' מאיר בשעת דעם אינטערוויו**

מוזן מיר פארשטיין אז דער טומלדיגער קאמף אין דער פובליק ארענע (וואס מיר רופן "פאליטיק") פארמאגט כמעט נישט קיין משמעות, און אונזער השפעה אויף דער מענטשהייט דארף געטון ווערן אין מער יסודות'דיגע אופנים.

**דורכאויס אייער קאריערע האט איר געזען פארשידענע מאדעלן פונעם ארטאדאקסישן חינוך. וואס ארבעט גוט? און וואס דארף א שינוי?**

בעצם פאדערט דאס א לאנגער שמועס. קודם כל איז וויכטיג קלאר צו מאכן אז טוישונגען איז א נארמאלער פאקט פון לעבן, אפילו אין ארטאדאקסישער אידישקייט. מיר טוישן דאך נישט קיינע יסודות חלילה, אבער טאקטיקן און ספעציפישע מהלכים טוישן זיך אייביג. איך וועל אנווייזן אויף עטליכע ביישפילן פון שינויים אין די לעצטע יארן: דאס צושטעלן א ישיבה חינוך פאר יעדן איינעם אָן אויסנאם ביז מ'ווערט ערוואקסן, מיט כמעט נאר גמרא אלס א לימוד, איז א נייער מושג. דאס זעלבע איז חינוך לבנות א נייע זאך.

מיר זעען אויך שינויים אין דעם וואס חסידישע מוסדות שטעלן צו אלץ וויניגער לימודי חול, די שעות הלימוד ווערן לענגער, און די בין הזמנים'ס ווערן קירצער. לאמיר אויך פרעגן פון אן אנדערן פערספעקטיוו, איז בכלל דא א סיסטעמאטישער מהלך וויאזוי א קינד זאל זיך אנזאפן מיט ידיעות התורה? וויפיל פראצענט פון אונזערע תלמידים קומען ארויס נאך צוואנציג יאר אין חדר, ישיבה און כולל מיט א סך ידיעות? וויפיל פון די צען שעה א טאג אין חדר איז סתם פארשוועדעט? אפילו לגבי ש"ס, וואס אויף דעם איז דער עיקר פאקוס אין ישיבה, קען מען זאגן אז די תלמידים קומען ארויס מיט גאר ווייניג נאך די אלע יארן און אוודאי איז אזוי דער פאל לגבי חומש-רש"י בעיון, הלכה למעשה, און אנדערע לימודים.

דאס וויכטיגסטע איז אז מיר דארפן קוקן אויף דעם פראדוקט וואס קומט ארויס. עס זענען ליידער דא א סך תלמידים וועלכע גייען טאקע נישט אראפ פון דרך, אבער זיי קומען פארט אן צו א פלאץ וואו אמת'ער אידישקייט – ווי למשל אן ערנסטער דאווענען, א ליבשאפט פאר לערנען און ידיעת התורה, א לעבן איינגעווארצלט אין געטריישאפט צו הלכה, ניגער אין אידישער היסטאריע און די לעבנס פון אונזערע גדולי האומה – פארכאפט מער נישט דעם געשמאק פון זייער נשמה. סיי וואס דער נומער פון אזעלכע "פארשלאפענע בערך" זאל נישט זיין, איז עס זיכער שוין צופיל, און מיר דארפן אונטערזוכן פארוואס דאס געשעט.

אבער ביי דעם פונקט מוזן מיר שוין זיכער זאגן, עוד חזון למועד!

**ר' מאיר, איך וויל אייך באדאנקען פאר'ן אוועקגעבן אזויפיל שעות פאר די לייענער פון דעם "וועקער", צו דערציילן וועגן אייער העכסט אינטערעסאנטער לעבנסגעשיכטע און אונז שענקען אביסל פון אייער רייכן געדאנקענגאנג. עס איז נאך דא אזויפיל צו רעדן, און אזויפיל ענינים וואו ס'ווילט זיך הערן אן אריכות, און איך קוק ארויס צו שמועסן מיט אייך ווייטער אין דער נאנטער צוקונפט.** ■